STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00788

LIKHT FUN DORNBOYM

Kadia Molodowsky

Permanent preservation of this book was made possible by
Lisa & Jack Gabow
in memory of
Sarah & Harry Birnbaum

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

ליכט פון דאָרנבוים

לידער

פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

בועניאָס איירעס, 1965

קיום

ליכט פון דאַרנבוים

(לידער און פּאָעמעס)

36

שער־בלאַט געצייכנט פון

עקיבא וויינער

ש. פייגענבלום.

הסנה בוער באש
והסנה איננו אכל.
דער דאָרנבוים ברענט
און ער ווערט ניט פאַרברענט.

שמות ג׳, ב.

אויף מיין דאָרן בליט אַ רויז

אויף מיין דאָרן בליט אַ רויז

אויף מיין דאָרן בליט אַ רויז —
ווי זשע קען דאָס זיין?
אין די שערבלעך אויף מיין טיש
שוימט אַ טראָפּן וויין —
ווי זשע קען דאָס זיין?

אויף דער ערד און אין די הייכן
צינדט זיך אָן אַ פראַגע־צייכן
ווו עס פאַלט מיין בליק.
וויל איך זיך פון אים באַפרייען,
איבער ימען, לענדערייען
גיי איך הין און צוריק.

ביז איך קום צו אליהו,
דער וואָס היט מיך אַלע יאָרן,
זאָגט ער מיר:
ס׳איז נישט קיין דאָרן,
ס׳איז אַ גרינער בוים.

נאָך אַ יאָר און נאָך אַ שמיטה
וועלן צווייגן שטיין צעבליטע
אויף דיין גרינעם בוים.
זאָגט ער מיר:
ס׳איז נישט קיין שערבלעך —
כוסות גאָלדענע. אומשטערבלעך
איז די ברכה איבער וויין.
נאָך אַ יוגנט און אַן עלטער
— שוימען פּעסער וויין אין קעלטער
מאַך אַ ברכה אויף דיין טראָפּן וויין.
מאַך אַ ברכה אויף דיין טראָפּן וויין.

אין מײַן מדבר וואַקסט אַ זאַנג,
ווי זשע קען דאָס זײַן?
אין מײַן טויבן, שטומען טרויער
שלאָגט זיך אַ געזאַנג —
ווי זשע קען דאָס זײַן?

אויף דער ערד און אין די הייכן,
צינדט זיך אָן אַ פֿראַגע־צייכן
ווו עס פֿאַלט מײַן בליק.
ווײַל איך זיך פֿון אים באַהאַלטן,
האָט ער הונדערט איינס געשטאַלטן,
וואַרגט מיך ווי אַ שטריק.

ביז איך קום צו אליהו,
דער וואָס היט מיך יעדן שפּאַן.
זאָגט ער מיר:
ס׳איז נישט קיין מדבר —
ס׳איז אַ גרינער לאַן.

נאָך אָן אויפֿגיין און אַ פֿאַלן.
וועלן רוישן ווייסע קוואַלן
אויף דײַן גרינעם לאַן.
זאָגט ער מיר:
ס׳איז נישט קיין טרויער, —
ס׳איז אַ זון־פֿאַרגאַנג.
נאָך אַ לעבן און אַ שטאַרבן,
מיט געזאַנג ט׳מען בינדן גאַרבן
אין דײַן זון־פֿאַרגאַנג.
מאַך המוציא אויף דײַן דאָרן זאַנג,
מאַך המוציא אויף דײַן דאָרן זאַנג.

1954

די בלומען פון גן־עדן

זיבן זענען דאָ די טעג פון דער וואָך.
זיבן זענען דאָ די בלומען אין גן־עדן.
עס טראָגט אַוועק דער טאָג
זיין שטויביקן געלאָד —
נאָר עס פאַרוועלקט נישט אַ בלום אין גן־עדן.

אויך דיין טאָג וואָס איז אַוועק
איז נישט פאַרוועלקט אין גן־עדן.

פאַרשטעל די טונקלקייט
אויב זי קימערט דיין אויג —
ווייל עס טונקלען נישט די בלומען אין גן־עדן.

וואַרף אָפּ דעם אָנגעוואָרף
אויב ער שטרויכלט דיין טראָט —
ווייל עס פאַלן נישט די בלומען אין גן־עדן.

אויך דיין טאָג וואָס איז אַוועק
איז נישט געשטרויכלט אין גן־עדן.

זיבן זענען דאָ די טעג פון דער וואָך.
זיבן זענען דאָ די בלומען אין גן־עדן.
אויב אַ טאָג איז פאַרמשפּט
אויף פאַרווירונג און בראָך —
נישט צעבראָכן זענען די בלומען פון גן־עדן.

אויך דיין טאָג וואָס איז פאַרמשפּט
אויף פאַרווירונג און בראָך —
וועט בלייבן גאַנץ אין גן־עדן.

1959

אַ רגע רו וויל איך

אַ רגע רו וויל איך,
אַן אויגנבליק פון שלום
מיט זיך, און מיט דער זון,
און מיט דער ערד פון גענאָד.
אַ שעפּסעלע באַדעקט מיט ווייסע וואָלן
זאָל פּאַשען זיך אַליין —
און איך זאָל זיין אַ פּאַסטעכל
ביי גאָט.

וואָסער פּאַר מיין שעפּס
וואָלט איך געבעטן,
אַ בעזעמל פון זון,
אַ בייט מיט גראָז.
אַ רגע רו פּאַר זיך —
וואָלט איך געבעטן
ביי גאָט — מיין באַלעבאָס.

און אפשר נאָך אַ פריינט דערצו —
שוין לאַנג קיין פריינטשאַפט נישט געזען.
אויף איינער פון די וועלטן
וואָלט מיר גאָט באַוויליקט...
נו מילא, זאָל שוין זיין ווי ס'איז געווען.

אַ רגע רו וויל איך,
אַן אויגנבליק פון פרידן
מיט זיך, און מיט מיין וועג,
און מיט דעם ים וווּ איך שווים.
אַ שיף געזעגלט מיט געזאַנג און ניגון
זאָל פלושקען זיך אַליין —
און איך זאָל אַ מאַטראָזל זיין
ביי גאָט.

ווינטן פאַר מיין שיף
וואָלט איך געבעטן,
אַ הימל זון,
אַ ים פון בלוי —
אַ רגע רו פאַר זיך
וואָלט איך געבעטן
ביי גאָט — מיין אדוני.

און אפשר נאָך אַ גאָלדן שופרל דערצו.
שוין לאַנג קיין רעכטן ניגון נישט געהערט.
אויף איינער פון די וועלטן
וואָלט מיר גאָט באַווויליקט
נאָר גלייכער דאָ — אויף אונדזער וועלט.

אַ רגע רו וויל איך
אַן אויגנבליק פון אויסגלייך
מיט זיך, און מיט דער וועלט
און מיטן אייביקן באַראָט.
אַ קינד פאַרפוצט מיט בלויע שלייפן
זאָל שפּילן זיך אַליין —
און איך זאָל זיין אַ בעלפערל
ביי גאָט.

אַ שפּילכל פאַרן קינד
וואָלט איך געבעטן,
דאָס טעלערל פון הימל,
אַ לעפעלע פון גינגאָלדין.
אַ רגע רו פאַר זיך
וואָלט איך געבעטן
ביי גאָט — מיין אלהים.

און אפשר נאָך אַ ווייסן אייזעלע דערצו
מען זאָגט — משיח רייט אויף אים
מיט לאַגלען רו,
מיט פולע לאַגלען רו.

1955

אויף אַן אינדזל

אויף אַן אינדזל,
וואָס איך ווייס נישט זיין נאָמען,
און דורך פאַרמאַכטע אויגן אים געזען,
גיי איך אַרום און איך טראָג מיין נשמה,
ווי אַ ווייסן שירעם אונטער זונען־ברען.

אויף אַן אינדזל,
וואָס איז וויים אין מרחקים,
און נאָענט לעם מיין שוועל — נאָר אַ שפּאַן,
גיי איך אַרום און איך טראָג מיין נשמה,
ווי אַ רוישיקע כוואַליע אין ים.

איך בין נישט יונג,
און נישט אַלט,
און נישט רייך,
און נישט אָרעם.
איך מעסט נישט מיין גאַנג מיט קיין מייל,
איך בין נישט געאַכט,
און נישט פאַרשעמט,
נישט דערהויבן,
און נישט פאַרלאָרן,
איך בין פּשוט ביי גאָט אויף אַ ווייל.

1957

מיין גאָט איז גוט צו מיר

מיין גאָט איז גוט צו מיר —
ער צינדט אַ ליכט ביים זונפאַרגאַנג,
איך זאָל נישט זען דעם חושך פון פאַרגיין.
ער פלאַקערט אויף מיט ווייַן דעם מערבֿ-זייט,
כ׳זאָל זען — דער שטאַרבנדיקער טאָג איז שיין.

מיין גאָט איז גוט צו מיר —
ער האַלט פאַר מיר אַ לאָמפּ פון האָפענונג,
פון ווייסע בערג דעם בלענד.
אין בלינדער גליקלעכקייט,
מיט אויסגעשפּרייטע הענט
כ׳גיי אַלע טאָג צום לאָמפּ פון האָפענונג,
צום ווייסן באַרגן-בלענד.

מיין גאָט איז גוט צו מיר —
ווען כ׳פאַל אין מאַטערניש,
און פאַלן איז פון אייביק מיר באַשערט,
באַווייזט ער מיר דעם שטיין אין מדבר-לאַנד,
דאָרט האָט אַמאָל, אַמאָל גערוט דער וואַנדערער,
וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט צווישן הימל, צווישן ערד.
דאָרט רו איך אָפּ.

דאָרט איז די טיפסטע רו, דער קלאָרסטער קלאָר,
צוקאָפּנס ברענט דער לאָמפּ פון האָפענונג
און לעשט זיך נישט פון דור צו דור.

מיין גאָט איז גוט צו מיר.

1957

די זון פון באַנאַכטן

ד״ר ש. מאַרגאָשעס געווידמעט

ווען עס פאַרגייט די זון פון טאָג
גייט אויף די זון פון די באַנאַכטן
אַזוי לויטער צעהעלט
אַז פון עק וועלט ביז עק וועלט
שטראַלט די שיין פון אַ ליכט אַ געדאַכטן.

די שטילקייט האָט וואָג
פון אַ זיידענעם ווינט
מיט שימער, געפּלאַטער, געווימל.
עס שלאָפן די שטעט
אויף אַ בלויעם געבעט
אונטער קאָלדרעלעך ווייסע פון הימל.

עס דרימלט אַן עלנטער מענטש
לעם אַ וואַנט.
מאַנט פון חלום די חובות.
די לבנה, מיין פריינט,
מיט אַ טייטל אין האַנט
לייענט שריפטן —
אויף אַלטע מצבות.

עס פאָרט אַרוים אליהו
אויף אַ גאָלדענער ראָד.
ער פירט שפּראַך פאַר די שטומע,
פאַר די בלינדע — דאָס זען.
אין דער אייביקער שטאָט,
אויף דעם בית־המעלות
זיצט אַ יינגל, פאַרשרייבט עס
מיט גאָלדענער פען.

ער ווישט אוים זיינע אויגן,
הייבט אויף זיינע הענט,
און אין מזרח באַווייזט זיך
די זון פון דעם טאָג.
ער לייענט פאַרשריבענע
גווילים פון נאַכט,
און די וועלט שטעלט זיך איין
אויף אַ זיכערער וואָג.

עס זאָגט דער שטומער —
זיין וואָרט,
עס זעט דער בלינדער —
זיין וועג.
עס שטראַלט דאָס אויג
ביי דעם עלנטן מענטש דעם פאַראַכטן.
אין דער אייביקער שטאָט
אויפן בית־המעלות
שרייבט אַ יינגל די דינים
פון דער זון פון באַנאַכטן.

1955

תפילה

נאַכט,
שפּרייט אוים פאַר מיר אַ וויגל,
ווי פאַר אַ קראַנקן
אין זיין שווערסטער שעה.

נאַכט,
דעק מיך איין מיט דיין שטילקייט
ווי דעם מידעסטן מידן
פון דעם אומוואַרף
פון טאָג.

נאַכט,
טרינק מיך אָן מיט פאַרגעסן,
ווי דעם טרעגער דעם שווערסטן
פון די לאַסטן
אָן וואָג.

נאַכט,
פאַרשיב דיינע שויבן
פאַר אַ ביטער פאַרשעמטן
אינמיטן אַ תפילה
צו גאָט.

נאַכט,
זיי מיך מציל, פאַרשטעל מיך —
די שפּלסטע שאָף
פון דעם טאָג.

1955

אָן װערטער

אָן װערטער ברענג מײן זאָג,
אָן רײד.
און אָן קלעזמאָרים־שפּיל —
דעם ניגון פון מײן חתונה,
אָן פּעדים פלעכט —
מײן חופּה־קלײד.

אָט אַזױ —
װי דער קלאַנג פליט אַרױס
און אַנטלױפט פון זײן פידל.
און איך מיט צעװאָרפענע הענט,
איך אַנטלױף פון מײן זײן.

אָ, גיב מיר אָן פאַרנאַכט
דעם כוס פון מערב־װײַן,
דעם פלאַמיקן געטראַנק
פון געשטאָרבענעם טאָג.
לאָד מיך אָן מיט דעם ליכט,
װאָס עס זיפּט אױס דער הימל
נאָך אײדער די זון
װאַרפט איר מעשענע װאָג.

1955

נעם די רויזן און די דערנער

נעם די רויזן און די דערנער
מיט דער זעלבער ליבשאַפט גלייך.
ביידע בליִען זיי אין פריידן,
ביידע וועלקן זיי אין טרויער,
ביידע טראָגן זיי דיין אומעט
צו דעם גאָלדענעם טייך —
ער פליסט,
און רוט נישט אויף אַ ווײַלע,
ער האָט קיין ברעגן נישט
און ווייס נישט ווו ער גייט.
ער טראָגט די רויזן און די דערנער
אויף זיין שוימיקער קייט:
די שרעק
און דעם לינדער,
דעם הייליקן
און אונטערצינדער,
דעם תהום
און די שיין.
נעם די רויזן און די דערנער,
ווי מען נעמט אין האַנט
אַ כוס מיט וויין —
די זיסקייט פון די טרויבן,
די ביטערקייט פון שוימען
דאָס איז דער טעם
פון יין־היין,
בעסטן וויין.

**
*

נעם דעם לויב און נעם דעם טאַדל
מיט דער זעלבער מילדקייט פון גענאַד.
אויף די גרינע בלעטער פון דעם אמת,

אויף די געלע בלעטער פון פאַרוויר
ביידע טראָגן זיי דיין קריג פון לעבן
צום אַלמעכטיקן — דיין גאָט.
ער וועט צושיקן דעם קליינעם מלאך,
דעם בעל חכמות,
דעם בר־שיר
מיט אַ קאַנטשיקל פון זון און שטערן
וועט ער אָפּשטויבן פאַרוויר.
די געלע שנאָבלען
גלייך אין כף הקלע,
די גרינע בלעטער —
אונטער קריינדעלעך
פון שיין —
נעם דעם לויב און נעם דעם טאַדל,
ווי מען נעמט אין האַנט
אַ כוס מיט וויין.
די זיסקייט פון די טרויבן
די ביטערקייט פון שוימען
דאָס איז דער טעם
פון יין־היין,
בעסטן וויין.

***

איך בין דער קלעזמערל
וואָס רייניקט זיין פידל.
איין סטרונע איז גאָלד,
איין סטרונע איז זילבער,
איין סטרונע — אַ האָר
פון אַ פערדענעם עק.
דער סמיק איז מיין האַרץ
מיטן קווינטל פון ניגון
אויפן גאָלדענעם טייך
שפּילט אוים זיין געוועק,
זיין גערויש,
זיין באַטרוג,
זיין טרויער

און תפילה,
דעם צוויידעקיקן קרוג
פון באַגין
און פון נעילה.
דעם צווייקלאַנגיקן קרעכץ
פון דעם לייב
און דער לאַם,
דעם צוויישאַרפיקן בליץ
פון דעם טורף
און תם,
נעם אין האַנט דיין געריייניקטע פידל,
ווי מען נעמט אין האַנט
אַ כוס מיט וויין.
די זיסקייט פון די טרויבן,
די ביטערקייט פון שוימען
דאָס איז דער טעם
פון יין־הייין,
בעסטן וויין.

1955

אין וואַלד

עס שטייט דער וואַלד אין טיפסטער גרינער שטילקייט,
און יעדער בוים אין מילדער רויִקייט —
איז אויסגעשטרעקט צו גאָט.
כ׳וואָלט וועלן זיין אַ בוים אין וואַלד,
אַ בוים אין תמימותדיקער צווייגיקייט,
פאַרטרויט אויף זומערדיקער וואַרעמקייט,
אויף טוי, אויף רעגן, אויף גענאָד.

איך בענק שוין לאַנג צו טוי, און רעגן, און גענאָד.

עס שטייט דער וואַלד פאַרטראַכט אויף סודותדיקער אייביקייט,
און יעדעס גרעזעלע אויף דינעם פיסעלע
פאַרחלומט אויפן שאָטנדיקן סוד.
כ׳וואָלט וועלן זיין אַ גראָז אין וואַלד,
אַ גראָז אין דרימלדיקער זיכערקייט,
פאַרטרויט אויף שאָטנדיקער וואַלדיקייט,
אויף זון, און ווינט, און גענאָד.

איך בענק שוין לאַנג נאָך זון, און ווינט, און גענאָד.

עס שטייט דער וואַלד פאַרגאַפט אויף ליבע־ליד פון זשומענדיקע בינען,
און יעדער בלום אין שאָטן פון פאַרבאָרגנקייט
שפרייט אויס די בלעטעלעך פון גליקלעכקייט,
פון האָניק און פון ווײַניקייט,
פון גרינע חופות אונטער מילדער האַנט פון גאָט.
כ׳וואָלט וועלן זיין אַ בלום אין וואַלד,
אַ בלום אין גליקלעכער פאַרבאָרגנקייט —

איך בענק שוין לאַנג צו מילדער האַנט פון גאָט.

1957

כ׳וועל ליגן אַ ווײַלע און רוען

כ׳וועל ליגן אַ ווײַלע און רוען
און דורך מײַן פֿאַרשלאָסענעם בליק
וועל איך זען דאָס ליכט פֿון זונען
די נעצן פֿון אומגליק און גליק.

איך וועל ליגן אַ ווײַלע און רוען
און דורך מײַן פֿאַרשוויגענעם מויל
וועל איך זאָגן וואָס גוט און וואָס ליכטיק
און וואָס עס איז פֿינצטער און גרויל.

איך וועל ליגן אַ ווײַלע און רוען
און מיט די באַרוטע הענט
וועל איך פֿילן די גרוים פֿון אַ שטערן
און דעם ווײ פֿון אַ צווײַגל וואָס ברענט.

איך וועל ליגן אַ ווײַלע און רוען
און דורך מײַן פֿאַרשטילטן זײַן
וועל איך זופּן דעם שטאַרקסטן טראָפּן
פֿון עלטסטן פֿאַרבאָרגענעם ווײַן.

1954

תפילות צו אַ פרילינג־בוים

גים זיך אַריין אין מיין כוס,
האָניק פון פרילינג־בוים,
עס וועלקט נישט קיין מאָל דאָס גראָז
לעבן וואָרצלען פון טרוים.

וועסט דערקאָנען מיין כוס
יעדע שעה אין מעת לעת
מיט צערונצלטן גלאָז
און ער האַלט זיך בנס.

נאָר אויב וועסט טרעפן אַ בין
פאַרטיליקט פון איר שטאָק,
גיב דיין האָניק איר אָפּ
מיטן וואַקס, מיטן קליאָק.

אַלץ וואָס לויכט — איז מיין לאָמפּ,
יעדער חסד — מיין שלאָס.
האָניק פון פרילינג בוים,
ביסט סיי ווי אין מיין כוס.

***

בליט פון פרילינג־בוים,
צעבלי אַ שמייכל אויף מיר,
אויף מיין קאָפּ שטייט אַ פליג
און קנעלט חכמה מיט מיר.

כאַפּ אַראָפּ זיך פון צווייג,
גיב צו מיר זיך אַ קער
איבער שאָטנס פון דאָרן,
איבער אויפלויכט פון טרער.

נאָר אויב וועסט טרעפן אַ שוואַלב
באַשטראָפט פאַר איר פלי,
ווער אַ פליגל פאַר איר
אין פרימאָרגן פאַרפרי.

ס'איז יעדער בליִונג מיין קרוין,
יעדער פלי — איז מיין פרייז.
בליט פון פרילינג-בוים,
ביסט סיי ווי אין מיין קרייז.

**
*

יוגנט פון פרילינג-בוים,
ביסט אַזוי ווייט, אַזש אַ שאַנד,
בלויז איין שפּאַן פון מיין האַרץ,
טויזנט מייל פון מיין האַנט.

קום נישט צו זייער נאָנט,
נאָר מיין הימל שפּרייט אויס,
ס'קומט נישט קיין מאָל קיין האַרבסט
אין דעם הימלשן הויז.

נאָר אויב וועסט טרעפן אַ פידל
פאַר אַ מולטער פאַרוועגדט,
גיב אַ קעם אירע סטרונעס
שפיל אויף איר שמאַכטיקן ענד.

ס'איז יעדער רחמים — מיין קישן,
יעדער גיטונג — מיין זיג.
יוגנט פון פרילינג-בוים,
ביסט סיי ווי אין מיין בליק.

יולי 1954

געבענטשטער מאָרגנשטערן

געבענטשטער מאָרגנשטערן,
איך שטיי אויף פאַרטאָג
צו זען דיין ערשטע שיין.
עס שפּרינגט אַ קעצל אויפן פלויט פאַרטאָג —
פאַרגאַפט אויף ערשטער שיין.
עס פעדערט זיך אַ פויגל אויפן צווייג פאַרטאָג
אויפזינגען דיין ערשטע שיין.
אַ קינד רייסט אויף די בלויע אייגעלעך פאַרטאָג
צו זען דיין ערשטע שיין —
זיי אַלע זעען דיך,
נאָר מיר איז נישט באַשערט דיך זען.
דער וואָלקן פון מיין האַרץ פאַרשטעלט פון מיר
דיין ערשטע שיין.
דער אַלטער קלעזמער שפּילט אַ ניגון־אויף פאַרטאָג —
ווי גוט אים איז!
מיט פידל אין דער ציטערדיקער האַנט
האָט ער מסתּם דערזען
דיין ערשטע שיין.
דאָס ערשטע פייפעלע פון ליכט דערהערט.
נאָר מיר איז נישט באַשערט —
דער וואָלקן פון מיין האַרץ פאַרשטעלט פון מיר
דיין ערשטע שיין.

1957

ליכט

צווישן יום-טוב און וואָך
און מיט-צייטן גרויע,
גיי איך נאָך ליכט
צום בר-נס, בר יוחאי.

איך גיי צו אים פרעגן —
ער זאָל מיר דערציילן,
ווו נעמט ער דאָס ליכט
אין די טונקעלע היילן.

איך גיי, און איך גיי,
און איך קען אַלץ נישט קומען,
דער וועג ווערט פאַרטאָפּלט,
פאַרבאָרגן, פאַרשווומען.

ערשט אין מיטן דערינען
ער קומט מיר אַנטקעגן,
ער אַליין, דער בר-נס,
צווישן טראָפּנס פון רעגן.

און ער פרעגט מיך:
— ווו גייסטו? צו וואָס איז דיין וואַנדלען?
דאָס ליכט צינדט מען אָן
פון דער ווייסקייט פון מאַנדלען.

נאָר מען דאַרף נישט פאַרגעסן
יעדן פרילינג יאָר-יערלעך,
צו מאַכן אַ ברכה
און פאַרפלאַנצן די קערלעך.

און ער האָט מיר דערלאַנגט
צוויי זעקלעך פון ליינען —

אַ זעקל מיט קערנער,
און אַ מעסטעלע שיינען.

בין איך געפֿאַלן
אין טיפֿסטער הכנעה:
זאָג דאָס וואָרט פֿון דער ברכה,
דו בר־נש, בר יוחאי.

ער האָט פֿון דער ווייטנס
געמאַכט מיר אַ סימן:
דאָס וואָרט פֿון דער ברכה
אַליין מוזט געפֿינען.

1957

שטילע טריט

(דעם אָנדענק פֿון יואל ווײַסשטיין)

אַ קלאַפּ אין טיר און שטילע טריט.
עס איז אַרײַן אַן אײגענער, אַ ייִד.
זײַן שמייכל בלײַך פֿון אויסגעליטערטן געמיט,
אָט אַזוי, אָט אַזוי ווי עס שמייכלט אַ ייִד.

ער איז געקומען פֿון אַ ווײַטן וועג,
מיט שמות אויפֿגעזאַמלטע געפּעק.
געזאַמלט זיי און טראָגט זיי מיט,
אָט אַזוי, אָט אַזוי ווי עס טראָגט זיי אַ ייִד.

זײַן ריידן איז שטיל, און די ווערטער געציילט.
ס'איז געוווּנדיקט דאָס וואָרט, נאָר דער שמייכל פֿאַרהיילט:
זיך געראַנגלט, געמיט,
אָט אַזוי, אָט אַזוי ווי ס'דערציילט זיך זײַן סדרה אַ ייִד.

אַ קלאַפּ אין טיר. אָ, יע, אַ קלאַפּ אין טיר,
איך זע דאָס איצט אַזוי ווײַט, אַזוי ווײַט,
ווי דורך אַ וואַנט.
אַזוי ווײַט, אַזוי ווײַט, ווי פֿון אײביק לאַנד.

1963

מיר'ן גיין איבער יידישע הייזער, מיין פידל

מיין פידל, שטויב אַף דיינע שטויבן,
דו ביסט אַ פאַרגעסענער ברונעם.
איך וועל באַרגן אַ סמיקל ביים בורא פון אויבן
און אויפוועקן דיינע ניגונים.

קום אַראָפּ פון דער וואַנט, פון דעם טשוועקל,
איך וועל נעמען אַ טאָרבע,
דו וועסט נעמען אַ שטעקל,
מיר'ן גיין איבער יידישע הייזער.
דער וועג איז פאַר אונדז,
און ליכטיק פון גאַנג איז דער ווייזער.

נישטאָ שוין דער רינשטאָק דער גוטער צו רוען.
נישטאָ שוין דער הקדש אויף כאַפּן אַ שלאָפל.
נישטאָ דער הארציקער דלות זאָל קומען אַנטקעגן
ווי אַן אָרעמע מאַמע אין ליבע פאַנטאָפל.

מיר בלייבן אין דרויסן אויף נאַכטשלאָף, מיין פידל,
אויף גלאַנציקע דילן, מיט לעמפלעך-סטאַטועו
איז קיין שטרוי-זאַק נישטאָ —
ווו זיך צוטוליען, רוען.

מיר בלייבן אין דרויסן אויף נאַכטשלאָף, מיין פידל.
די נאַכט איז צו גאָט
און דער דרויסן צו אים.
מיר בלייבן אויף נאַכטשלאָף אין דרויסן, מיין פידל,
צו גאַסט ביי אונדזער גרויסן אלהים.

עס וועלן זיך זיפן די זאַמדן —
און אונדז נישט פאַרשיטן.
עס וועלן שימלען די שטויבן —
און אונדז נישט פאַרדעקן.
עס וועט אונדז די שאַנד —
נישט פאַרשעמען.
עס זענען אין דרויסן די שטערן,

זיי האָבן קיין דאַך נישט —
און ברענען.
עס זענען אין דרויסן די וואָלקנס,
זיי האָבן קיין ברעג נישט —
און שווימען.
עס זענען צעוואָרפן אין חלל די נסים,
זיי האָבן קיין שוועל נישט —
און קומען.

מיר'ן גיין איבער יידישע הייזער, מיין פידל.
דו און איך און דיין ניגון.
מיר זענען אַ מנין.
מיר זענען אַן עדה אַ פולע.
איך בין — איינס,
און דו ביסט געצענפאַכט,
און דער ניגון איז כפל כפלים
און כפול בגדולה.

מיר'ן גיין איבער יידישע הייזער, מיין פידל.
זיי זענען געשלאָסן —
און אָפן אַזוי ווי דער הימל.
זיי זענען פון וויטן —
און קומען צולויפן ווי וועלן.
שטויב אָפּ דיינע שטויבן, מיין פידל,
מיר וועלן דאָ טרעפן דעם שומר וואָס שלאָפט נישט
און וואַכט איבער יידישע שוועלן.

מיר'ן גיין איבער יידישע הייפן.
אין אַ הויגל וועט אויפשטיין אַ קינד און וועט שרייען —
אונדזער קול וועט עס זיין.
פון אַ דאַך וועט אַ פלי טאָן אַ טויב אין דער נאַכט —
אונדזער וואָך וועט עס זיין.
און די נאַכט וועט אַליין זיך אין גאַנצן באַנייען —
אונדזער גאַנג וועט עס זיין.
איך בין איינס,
און דו ביסט געצענפאַכט
און דער ניגון איז כפל כפלים
און כפול ב'זיין.

1957

אַזוי טראַכט איך מיר שבת צו נאַכט

טראַכט איך מיר שבת צו נאַכט,
עס קומט די לאַנגע וואָך,
זיבן נעכט, זיבן טעג
מיט געיעג, מיט שלי־שלך,
ווער ווייס וואָס מיט אַ מענטשן
קען געשען אין אַזאַ וואָך?

וועט קומען דער פרעגער דער גערעכטער
און געבן אַ פרעג:
וואָס האָסטו מתקן געווען?
וויפל פרייד האָסטו פאַרשאַפט,
וויפל טרייסט
דעם פאַרצאָגטן, דעם טרייסטלאָזן געבראַכט?
נעם די ציילונג און צייל זי,
נעם די פוסטקייט און הייל זי —
אַזוי טראַכט איך מיך שבת צו נאַכט.

וויפל מאָל האָסטו געבלאָנדזשעט
און פון גראדן געלאַכט?
וויפל מאָל האָט די גאווה
דיך געיאָגט אין איר שלאַכט?
זאָג דעם אמת — נישט שעם זיך,
נעם די קלעמונג און קלעם זיך —
אַזוי טראַכט איך מיר שבת צו נאַכט.

וויפל מאָל האָסטו גענויגט זיך
ווען ס׳קומט נישט דער נויג,
וויפל מאָל האָט מיט אַ שמייכל
געזינדיקט דיין אויג?
זאָג דעם אמת — נישט פויל זיך,
נעם די גרוילונג — און גרויל זיך
פאַרן הימל וואָס האָט דיך געוואַכט —
אַזוי טראַכט איך מיר שבת צו נאַכט.

וויפל מאָל האָסטו געשוויגן
ווען דיין הארץ האָט געוויינט?
וויפל מאָל דעם מחוצף
פאַרשוויגן, געשוינט?
ס'איז אַ גרעסערע זינד
ווי גנבענען ברויט,
ס'איז אַ גרעסערע חרפּה
ווי בעטלען אין נויט,
און פון גאָט ברוך הוא
איז עס פאַראַכט —
אַזוי טראַכט איך מיר שבת צו נאַכט.

וויפל מאָל האָסטו פאַרזען
פון די שטערן דעם שיין?
און פון ליכטיקע טייכן
דעם זילבערנעם וויין?
וויפל מאָל האָסטו טרערן פאַרשאַכערט אומזיסט,
פאַר אַ שמוציקער שטרוי אויף אַ בערגל מיט מיסט?
נעם דעם אומעט — און ווערג זיך
נעם דעם טרויער — און שוויַיג,
וואַרף דעם גאָלדענעם עפּל אַראָפּ פון דיין צווייַג,
אַראָפּ און אַראָפּ אין אַ לעצטן פאַרנאַכט —
אַזוי טראַכט איך מיר שבת צו נאַכט.

1957

דאָס ליד פון דיאַגנאָזע

די שיינע בלעטער פאַלן,
און די חכמים קענען זיי נישט היילן.
די ווייסע בלומען וועלקן,
און די חכמים קענען זיי נישט מאַכן ווייס.
עס נייגט זיך דער צעדערבוים
צום ווילדגראָז,
און די חכמים קענען נישט אָוועקטרייבן דעם ווינט.
עס וואַלגערט זיך דער האַרפן־האָר
ביים מיסט־גרוב,
און די וועכטער פייפן־אויף אויף אים די הינט.
ס'איז אומעטיק מיר,
ווי ס'איז מיין נאָמען דיאַגנאָזע.
די ווייסע טאָגע ברענגט מיר נישט
קיין ליכט.
די ווייסע טאָגע פאַלט אויף מיינע אַקסלען
ווי אַ לאַסט.
דער פלאַם פון שטורקאַצן
פאַרבלענדט די אויגן —
האָב איך באַהאַלטן זיך אין שאָטן —
פון אַ פּאַס.
אין קלענסטן ווינקל רוט די טיפסטע שטילקייט.
דאָרט קומט דער קראַנקער לייב,
און עס קומט די גריל.
דאָרט גלייכט זיך אויס דער העכסטער באַרג
מיט טיפסטן טאָל.
דאָרט קומט די זון מיט פולן שייטער ליכטן
און ס'איז דער קלענסטער ווינקל
פאַר דער פולסטער מאָס נישט שמאָל.

איז רו צו מיר געוועז,
ווי ס'איז מיין נאָמען דיאַגנאָזע,
ס'האָט איינגעדרימלט דער פאַרדראָס
און ס'איז אָוועק דער האַס.

ביינאַכט זענען די שטערן,
די פוסגייער פון הימל,
געקומען, זיך געשטעלט —
ביים איינגאַנג פון מיין פּאַס.

די ווערטער פון מיין האַרץ
זענען געוואָרן פולע,
אָפּגערוט פון טומל,
אָפּגעשטויבט פון ווידער־רוף פון גאַס.
די ווערטער פון מיין האַרץ
זענען געוואָרן שטילע,
נאָך שטילער ווי די שאָטנס
פון מיין פּאַס.

עס זענען געקומען
די פאַרלאָשענע זונען,
די פאַרשטומטע פון חרמס
מיט זיידענע טריט.
זיי האָבן געטראָגן די ווייסקייט
פון בלומען,
און דעם שיין פון פאַרלאָשענע ליכטן
געהיט.

עס האָבן די שאָטנס פון נאַכט
זיך צעהעלט,
די ווענט און די ענגשאַפט צענומען, צענומען
און די פּאַס איז געוואָרן —
די גרויס פון דער וועלט.

ס'איז רו צו מיר געווען,
ווי ס'איז מיין נאָמען דיאַגענוס,
ס'האָט די שטראַלונג פון נאַכט
געזאָגט איר געזאַנג.
ס'איז רו צו מיר געווען,
ווי ס'איז מיין נאָמען דיאַגענוס,
און אין שטראַלונג פון נאַכט
פאַרזיי איך מיין זאַנג.

1957

מיר זענען איצט שוין ווי צוויי גרויע טויבן

מיר זענען איצט שוין ווי צוויי גרויע טויבן,
און מיטן אויפקום פון פרימאָרגן
גייען מיר צום פענצטער ליכט זיך באָרגן
אויף דעם טאָג דעם קורצן זיך באַזאָרגן —
מיט אַביסל שיין.

מיר זענען איצט שוין ווי צוויי שטילע טויבן,
און מיטן אויפגאַנג פון די שטערן
גייען מיר צום פענצטער טרייסט פאַרמערן,
אַז וועלט וועט אייביק זיין און אייביק וועט געווערן —
די הימלדיקע שיין.

מיר זענען איצט שוין ווי צוויי געטרייע טויבן,
מיר קריגן זיך אַמאָל צוליב אַ סוועטער,
דו זאָגסט — ס'איז וואַרעם, איך שריי ס'אַ קאַלטער וועטער,
און איבער אונדז דער שמייכל דער פאַרגלעטער
צינדט אָן אַ יוגנטלעכע שיין.

מיר זענען איצט שוין ווי צוויי קלוגע טויבן,
אין פרייע טעג מיר לייענען דעם תהילים.
איך זאָג: עס בענקט זיך מיר נאָך טלית-תפילין,
דו זאָגסט: ביזט אַלט, מיין ליבע, אין געפילן —
און איבער אונדז אַ תהילימדיקע שיין.

1959

פאַרנאַכט, כ׳גיי דיך באַגעגענען

פאַרנאַכט, כ׳גיי דיך באַגעגענען —
באַגעגענען און שווייגן.
עס איז פאַרביי די צייט
פון בליִענדיקע צווייגן,
פֿון גיין אַרויף און שטייגן.
כ׳גיי דיך באַגעגענען —
באַגעגענען און שווייגן.

דיין בליק דערציילט וואָס איז געשען,
אָן רייד, אָן זאָגן,
ווי ס׳רעדט דער בוים
מיט בלעטער אָפּגעשלאָגן
פֿון שטאָם פֿאַריאָגט, פֿאַרטראָגן.
מיין הארץ פאַרנעמט וואָס איז געשען,
אָן רייד, אָן זאָגן.

אַ פויגל פליט פאַרביי
צום וואַרעם־לאַנד.
אַ, נאַרישער, אומזיסט דיין פליִען.
ס׳איז פראָסט פאַראַן אין הייסן גליִען,
און פלאַם אין ווייסן שניי.
פאַרשלים די פליגל מיט דיין שווערסטן מיִען,
שטעל זיך לעם מיר — און שטיי.

1959

ווייסע נאַכט

ווייסע נאַכט, מיין פרייד-און-ווי,
ביסט ליכטיקער פון ליכטיקן באַגינען.
עס זעגלט אויף אַ ווייסע שיף אויף איסט-בראָדווע,
וווּ כ׳קען בייטאָג קיין זעגל נישט געפינען.

אַ שטילער שטערן דערלאַנגט מיר אַ בילעט,
אַ גילטיקער פאַר אַלע ימען,
און איך טו אָן מיין אוראַלטן זשאַקעט
און צי אַוועק אויף נאַכט-פּאַרטרעטע לאַנען.

וווּ פירסטו מיך, מיין שיף?
ווער איז דער באַשטימער פון מיין רייזע?
איך קען נישט לייענען דיין מאַפּע-יעראָגליף,
און די צייכנס פון דיינע ווייזערס.

איך בין אַ זעעוודיקע און אַ סגי נהור,
איך ווער געפירט אויף וועג דיינעם געהיימען.
פּאַק איין אין באַגאַזש מיין קראַנץ פון טרויער
פון אַלע מיינע אָפּגעפּליקטע היימען.

פּאַק איין מיינע פאַרברענטע טעפּלעך,
די צעקנאַקטע שטערצלעך, שערבלעך, שערבלעך,
פּאַק איין מיין תהו מיט די גאָלד-באַפּוצטע קנעפּלעך,
ווייל תהו איז אומשטערבלעך.

פּאַק איין די בריוו מיט די פאַרשוווּנדענע אַדרעסן.
מיט קאַלטן גרויל זיי בריען מיינע אויגן.
זיי זענען אויסער יאָרן און מעת-לעתן
אין מיין מאַרך און ביין אַריינגעזויגן.

פּאַק איין מיין שאָטן וואָס איז שווערער פון מיין גוף,
ער גייט נאָך מיר מיט אייביקער רגילות.

ס׳איז יום-טוב אָדער וואָך, ס׳איז בלְיונג אָדער וועלק,
מיין שאָטן קומט און שעפּטשעט מיר מגילות.

פיר מיך אין אַ לאַנד פון צוקערלעקאַך,
וווּ כרובים זיצן מיט קינדערלעך און נאַשן.
דאָס איז פון מיין דינגעניש דער העכסטער מקח.
דאָרט ברויזט דער יין המשומר אין די פלאַשן.

גיב מיר אַ זופּ פון אים, אָט דאָ אויף איסט-בראָדוועי,
אין זכות פון יידן וואָס וויינען אין די חצותן.
איך בין אַן אפּיקורס, נאָר איך וויין מיט זיי,
מיט זעלבער עצבות און פאַרדראָסן.

איך בין אַ שווערער פּאַסאַזשיר, מיין שיף —
פּעק מיט יאָמער, שופרות מיט געקלאָגן.
צי אָן די זעגלען פון דער נאַכט ביז פולסטער טיף,
ווייל דער טאָג קען מיך נישט טראָגן.

פיר מיך צו אַ לאַנד פון לינדער רו,
וווּ ציגן טראָגן מיצעלעך און שפּילן אויף טראָמבאָנעס,
צו די ווייסע ליילעכער פון קדוש ברוך הוא,
נאָך נישט באַוואָלקנטע מיט יאָגד און מיט סכנות.

פיר מיך... יע, פיר מיך... דו ווייסט דאָך מערער
וווּ עס ליגט דער בלויער ים פון רו.
ס׳איז מיין מידקייט פון דיין טורעם שווערער,
און מיין האַרץ פאַרשליידערט ערגעץ-וווּ.

מיין שיף פון פּימסנהאָלץ

צי ס׳רעגנט, צי עס רעגנט ניט —
כ׳וועל אויסבויען אַ שיף פון פּימסנהאָלץ
און אָפּשווימען אין לאַנד לייליט.
ווּ איז דאָס לאַנד לייליט?
ווער ווייס.
וואָס טוט מען אין דעם לאַנד לייליט?
ווער ווייס.
צי עס איז ווייט? צי עס איז טיף
עס פעלט אַ מאַסט נאָך אין מיין שיף
אַז איך זאָל גרייכן צו דעם לאַנד לייליט.

ווען איך בין קראַנק,
און ווען כ׳בין מיד —
ציט מיך צו דעם לאַנד לייליט.
דאָרט איז אַ ווייסער פויגל דאָ,
דער רופא פון מיין חולאת.
ער וואָלט פאַרהערט מיין האַרץ,
מיין פּלייצע אויסגעקלאַפּט,
געפרעגט פאַרוואָס כ׳בין בלאַס.
און וואָלט אַ רפואה מיר פאַרשריבן
מיטן כתב פון לאַנד לייליט.
דאָס איז גענוג אויף אייביק לעבן,
נישט קראַנק, נישט אַלט, נישט מיד.
צי ס׳רעגט, צי עס רעגנט ניט —
כ׳וועל אויסבויען אַ שיף פון פּימסנהאָלץ
און אָפּשווימען אין לאַנד לייליט.
איך בוי די שיף סיי טאָג, סיי נאַכט,
אַפילו אין מיין חלום שטענדיק זיך געמיט.
כ׳וועל אפשר מאָרגן ענדיקן,
אַרויפצי‌ִען די העכסטע מאַסט
און אָפּשווימען אין לאַנד לייליט.

דער שטיינהאַקער פון ראשון
(פּאָעמע)

א. ברוכל דער עילוי

ברוכל דער עילוי טעסעט אַ שטיין.
ער איז איינגעבויגן,
אין דער אַרבעט פאַרטיפט.
די פונקען פליִען
און שרייבן אַ שריפט:
דו ביסט נישט ברוך,
דו ביסט סתם אַ ייִד,
ווייל יעדער ייִד —
איז סתם אַ ייִד.
זיין נאָמען איז אַ צייכן בלויז,
אַז ער געהערט צו יעקבס הויז.
זיין נאָמען איז אַ צייכן בלויז.

און אפשר ביסטו איינער פון די ל״ו,
האָסט זיך פאַר אַ שטיינהאַקער פאַרשטעלט,
פאַרבונדן אַ שטריק אויף די לענדן
און האַקסט דעם שטיין —
אויף לייטערן די וועלט.

סתם אַזוי —
שטייט אַ ייִד און האַקט אַ שטיין.
ער איז נישט אויסן דעם שכר יום,
נאָר סתם אַזוי,
שטייט אַ ייִד און האַקט אַ שטיין.

ברוכל פאַרציט אַ שטריק אויף די לענדן,
דאָס האַרץ צו שטאַרקן,
די ספקות אָפּצווווענדן,
און טרייבט פון זיך דעם ל״ו:
לאָז מיך צורו,

איך בין אַ שטיינהאַקער — און אַ סוף.
געװוג — דער ל"ו, גענוג.
גענוג די זאַלבונג פון געהײמען קרוג.
גענוג.
דיינו — צאָן קדושים, הייליקע שאָף.
איך בין אַ שטיינהאַקער — און אַ סוף.
זע מיינע הענט —
פאַרגרעבט און אָפּגעבערענט,
מיין פּנים פאַרשטויבט,
איך בין אַ שטיינהאַקער,
אין מיין אַרבעט פאַרטרויט.

די פונקען פליִען,
איינס נאָך די אַנדערע, אַ שורה נאָך אַ שורה.
ער לייענט זיי.
דאָס פּנים איז פאַרשוויצט, די אויגן כמורע:
דו ביסט נישט ברוך,
דו ביסט אפשר דער תנא פון אַמאָל.
ער איז געװוען אַ שמיד.
זיין תורה איז ליכטיק געווען
און לויטער זיין פּשט.
גיב אַ קוק:
דו שטייסט אפשר אין זיין וואַרשטאַט.

דו לערנסט אַ נייע הלכה דורך שטיין,
ביסט מחדש.
עס איז צו גרויסקייט דיין תאווה.
און די פונקען וואָס שרייבן אַ גאָלדענעם כתב —
איז דאָס פייער פון גאווה.

ברוכל דער עילוי ווישט אָפּ דעם שוויים פון שטערן
און בעט זיך ביי דעם תנא פון אַמאָל:
טרעט אָפּ פון מיר און לאָז מיין הארץ צורו.
גענוג תנאים פון אַמאָל,
פון איצט — עילויים.
איך וויים אַז שטיין — איז שטיין
און שטאָל איז שטאָל.

איך ווייס אַז פרייד איז פרייד
און עינוויים — עינוויים.
לאָז מיך צורו.
קום נישט צו מיר —
די רעיונות צו פאַרמישן.
איך בין אַ שטיינהאַקער —
אַ שטיינהאַקער אין ראשון.

געאַרבעט פון פאַרטאָג.
ער דרימלט איין אין שאָטן.
דער חלום קומט דעם טאָג פאַרפוצן.
עס שלאָפט נישט איין זיין האַרץ.
די הענט פאַרגרעבט,
די אַרבל פון דעם העמד פאַרשאַרצט,
ער פרעגט זיך שאלות
און ענטפערט זיך אַליין תירוצים.

פון וואַנען קומען פונקען אין אַ שטיין?
ווי קומט פון פינצטערניש אַ ליכטיקער צושטייער?
דאָס איז די בענקשאַפט פון דעם שטיינהאַקער,
דאָס איז פון זיינע פינגער דער געוויין
וואָס שלאָגט אַרויס פון שטיין אַ פייער.

פון וואַנען קומען קלאַנגען צו אַ שטיין?
ער איז די שטומעניש פון שטומע וועלטן.
דאָס איז די אַנגסט פון דעם שטיינהאַקער,
דאָס איז דער ווי פון זיין געביין
וואָס רופט אַרויס דעם ניגון דעם צעהעלטן.

היינט מה־דאָך אַז אַ שטיין קען פייער צינדן,
היינט מה־דאָך אַז אין שטומקייט קענען ניגונים וואָגלען —
קען איך אַוודאי דאָך צום וויינגאָרטן פון גרויסן מלך גיין
און זיין דער וויינשעפער פון זיינע לאָגלען.

צום גרויסן מלך פאָרט מען אין אַ רייטוואָגן
און קינדער חדר־יינגלעך פירן אים מיט גאָלדענע רצועות.

מיט די פייגל הונדערט ווערטער ריידן זיי
און מיטן גרויסן אָדלער פירן זיי אַ שמועס.

און וואָס דער אָדלער זאָגט זיי איז אַ סוד.
דעם סוד זיי טראָגן אין די אויגן,
און דורך טויזנט געפּלען דערקאָנען זיי אַ ראָד
וואָס האָט דעם מלכס רייטוואָגן געצויגן.

די קינדער לערנען בראשית און זיי לערנען שמות,
זיי טראָגן לאָטעס ווי מעדאַלן,
זיי זענען פּרינצן פון דעם קעניגלעכן הויז
און די קרוינען דורך אַלע אותיות שטראַלן.

זיי האַקן שטיינער און די פונקען זענען פייערדיקע בריוו,
עס לייענט זיי דער חלל איבער אַלע וועלטן,
און ווען עס צאַפּלט זיך אין פינצטערניש אַ שיף,
זעט זי דעם וועג דורך כתב באַהעלטן.

פון וואַנען קומט אין וויסטעניש אַ בוים?
אַן טוי, אַן רעגן זיינע בלעטער גרינען.
דאָס איז דער חלום פון דעם שטיינהאַקער,
דער טוי און רעגן פון זיין טרוים
וואָס קומט צום מדבר-בוים באַגינען.

היינט מה-דאָך אַז אַ בוים קען אין דער וויסטע גרינען,
היינט מה-דאָך אַז אַ טוי קען פאַלן דאָרט באַגינען —
קען איך אַוודאי דאָך צום טורעם פון דעם גרויסן מלך גיין
און זיין זיין לאָמפּ-צינדער, די מנורות באַדינען.

צום גרויסן מלך פאָרט מען אויף אַ שיף.
עס טראָגט זי דער לויתן אויף זיין רוקן.
און קינדער חדר-יינגלעך שווימען ברייט און טיף
און שפּאַנען דעם לויתן איין מיט זינגענדיקע פּסוקים.

און וואָס דער לויתן זאָגט זיי איז אַ סוד,
ער שמועסט אויף זיין ים-לשון מלעיל-מלרע.

און די קינדער לייגן צו אַן אויער גראָד
און שושקען זיך אויף לשון קודש: שמע.

עס דרימלט ברוכל. ער פילט, עס האַלט אים עמעצער ביים אָרעם.
נתן שטייט לעם אים, די טשופרינע צעפלאָסן:
— אין חלום, ברודערל, ביסטו פאַרפאָרן,
וואָס האָסטו דאָרט גערעדט מיטן לויתן?

אַ חלום, און אַ חלום, און אַ חלום,
יעדער חלום האָט זיין נאַר.
מיר דאַרפן נאָך די שטיינער טעסען.
המתחיל — ווייסטו דאָך — מוז זאָגן גמר.

ב. פרייטיק אויף דער נאַכט

געווען איז פרייטיק אויף דער נאַכט.
אין מדבר האָבן יום־כפורדיק געיאָמערט די שאַקאַלן.
נתן האָט צו ברוכלען גערעדט,
ווי אַלע שטערן פון הימל וואָלטן פאַלן:

דו ביסט אַ בעל חלומות, און איך בין דיר מקנא.
מלאכים ברענגען דיר גילגולים,
איבער דיין דמיון ביסטו דער האַר.
זיי פלאַנצן פאַר דיר ווייגערטנער,
און דו פאַרזוכסט דעם טעם דעם פולן,
און דו זאָגסט אַ לויב דערפאַר.

און איך — מיין בליק איז ניכטער.
איך זע דאָס ליכט,
און כ׳זע ווי ס׳לעשן זיך די ליכטער.
איך זע דעם חלום,
און איך זע ווי ס׳גליווערט אַלץ
און פון מיין חלום ווערט אַ שטיין פון זאַלץ.

איך זע די צדיקים פון אָדעם —
די חובבים.
זיי דרשנען פון עם ישראל און פון נס —
די חובבים.
ווי זאָגט דאָרטן דער נביא:
„וואָס קומט איר טרעטן מיינע הויפן?"
געמיינט האָט ער: מיך די קאַמאַרעס עסן,
און מיין קדחת גייען זיי פאַרקויפן.

ס'איז דאָ אַ שמד אַזאַ, אָן טויף־וואַסער,
אָן צלמים.
מען שמדט גאָטס וואָרט.
מען זאָגט דערביי נאָך אמן.

פאַרשעם מיך ניט און קער ניט אָפּ דיין פּנים,
איך וויים, די רייד מיינע, זיי זענען גראָב.
די ביילן אויף די הענט — מיינע געטרייע פאַנען,
דער שטויב פון שטיין — מיין גוטס און גאָב.

פאַרשעם מיך ניט און קער ניט אָפּ דיין פּנים,
ס'איז אונטער בלויעם וואַסער דאָ אַ שוואַרצער גרונט,
און לעם תמימותדיקער סטאַדע זיצט דער בייזער הונט.
פון שוואַרצן גרונט שטראָמט אויף דאָס זיסע וואַסער,
און דער בייזער הונט די תמימותדיקע סטאַדע היט.
נעם זיך אין זינען: אין וואָלקנס טונקעלע
פון בליץ דער פייער גליט.

איך האָב אַנומלטן אין פעלד געזען אַ דאָרן אָנגעצונדן.
דאָס פייער האָט אַ פלאַם געטאָן און זיך צעזונגען.
איך האָב דעם סנה דערזען אין זיינע פייערדיקע ווונדן
און האָב דעם רויך אַ צי געטאָן אין מיינע לונגען.

גיי זוך די געטלעכקייט אין פלאַם.
גיי זוך דיין חלום אין דעם פייערדיקן ברויען.
כ'בין לאַנג געשטאַנען דאָרט,
ווי ס'וואָלט מיך צוגעהאַלטן אַ שגעון.

דער דאָרן ט׳אויסגעברענט. האָט אויסגעברענט ביז ענדע.
דאָס אָרט געבליבן אַשיק, ליידיק.
עס האָט מיין האַרץ געוויינט.
די מעשה פון דעם סנה איז אַ לעגענדע.
דער דאָרן ט׳אויסגעברענט. ער ברענט ניט אייביק.

וואָס איז דער חלום דען,
אויב נים דער יאוש אַ פאַרשטעלטער?
האָסט אויסגעטראַכט דיין ווייַן.
דו טראָגסט דיין אויסגעטראַכטן וויין אין קעלטער.
דיין וויין וועט ברויזן, שוימען —
דיין טרייסט איז פריידיק.
וואָס קען איך טאָן? איך קען מיין בליק ניט צוימען,
איך זע די לאָגלען דיינע זענען ליידיק.

כ׳בין ניט ווי דו. איך בין אַן אפיקורס.
איך קען ניט מיט די פינגער
דעם שטויב פון הימל ווישן.
איך בין ווי דער פוקס
וואָס וואַיעט איבער זיין הפקרות.
איך הער יעדע נאַכט זיין וואַיעניש
אין די מדבריות פון ראשון.

כ׳בין ניט ווי דו. מיר חלומט זיך ניט דער לויתן.
די נעסט די גאָלדענע פון חלום איז צעשאָטן
אויף ימען פלאָגעניש, אויף בערג פאַרדראָסן,
און כ׳קען ניט קוויקן זיך מיט האָניק פון די צען געבאָטן.

כ׳בין אַהער געקומען. כ׳האָב צו גאָט אַ טענה
און מיטן מלאך איך וויל זיך ראַנגלען נאָכאַמאָל,
פאַרוואָס האָט ער די בלויע הימלען פון אוקראַינע
פאַר מיר געמאַכט אַ יאָמער־טאָל?

און דאָ — אַ טראָפּן רו. איך האַק די שטיינער.
איבער מיין קדחת איך בין אַ פולער באַלעבאָס.
איך וויל מיט דיר זיך קריגן — איז ויאמר,
ויאמר — ביזן לעצטן אות.

כ׳בין ניט ווי דו. איך ווייס —
מיר זענען אין אַ וויסטע.
די שטיינהאַקער מיר זענען די ראשונים.
און אפשר זענען מיר קרבנות גאָר אומזיסטע
און אויפן קאָפּ מיר טראָגן אויסגעטראַכטע קרוינען.

עס וועלן קומען אַנדערע. די קרוינען אונדזערע צעטרעטן.
מיר וועלן זיין די הינטערשטעליקע —
צו גאָרניט טויגן.
מען וועט פון אונדזער מי און חלום שפּעטן —
דער סנה ברענט אויס,
כ׳האָב דאָס געזען מיט מיינע אויגן.

איך טראַכט אַמאָל, ווען ספיקות יאָגן אָן:
וואָס טוען דאָ די בחורים, די שטיינהאַקער אין ראשון?
עס שלאָגט זיי די קרחת צאָן אָן צאָן,
און דעם דאָרן ברויט זיי קענען קוים צעגריזשען.

פאַרטאָג, עס קייכן די שאַקאַלן.
פון ווינט עס ציטערט דער געצעלט.
מחשבות טונקעלע מיין האַרץ באַפאַלן
ביז וואַנען דער פרימאָרגן העלט.

און איך דערהער — אברמל זינגט אַ תפילה.
איך הער זיין וואַסער-בלעבל קלינגט.
ווי ס׳וואָלט דער הימל אויסגעשפּרייט
פאַר אים אַ פריידיקע מגילה,
און ער די ליכטיקייט מיט זיינע פינגער צינדט.

אברמל זינגט. דער טאָג ווערט ליכטיקער און ליכטיקער.
ער ציקלט זיך דעם ניגון און ער האָט הנאה.
ער איז אויף דער נקודה דאָ דער ריכטיקער.
די פליגן בייסן אים און גיבן אים השראה.

אַ תענוג גאָר פאַר אים — ער ווערט צעביסן פון די פליגן.
ער וויקלט זיך אין טלית, ער איז אָן אתה בחרתנו.

ער דאַרף קיין קישן ניט, ער קען אויף שטיינער ליגן
און פון אַ פּסוק שמידט ער אויס אַ בראָנע.

איך קען ניט אויסשטיין אַזויפיל ווונדער.
איך קען ניט אויסטראָגן אַזויפיל נס.
מיין לעבן ברעכט זיך און פאַלט אַרונטער,
און עס שימלט מיין שטיקל קעז.

און אַגב זאָלסטו וויסן, ברוך,
עס האָט דער טייוול הונדערט פאַר מלבושים.
ער האָט צוגעטראַכט אַזאַ מין שלחן ערוך,
ווו יעדער חטא איז אָפגעפאַרבט מיט קדושה.

מיין לאהקע וויל אַהער ניט קומען.
זי זאָגט, זי האָט רחמנות אויף דער מאַמע.
וואָס קענסטו ענטפערן אַ טאָכטער אַזאַ פרומע?
כאָטש בוי פאַר איר אַ מקווה אויס פון זיבן ימים.

דאָס זאָג איך דיר, צום ביישפּיל בלויז.
פון קלאָגן זיך עס ווערט ניט גרינגער.
עס וואַקסט דער דאָרן שטענדיק צוזאַמען מיט דער רויז,
איינער טראָגט די רויז, דער צווייטער שטעכט די פינגער.

מיר טוען עפּעס דאָ. איך ווייס ניט וואָס.
מיר שלעפּן זיך נאָך אַלץ פון לאַנד מצרים.
דער עם ישראל — זיי דאַוונען און זיי וויינען
מיט אַ טרערן־גאַס.
און דעם האָמענטאַש אויף ביידע באַקן קייען.

מיר זענען, ברודער, דאָ פאַרוואָרפענע
אין וויסטעס פון אַמאָל.
אַ רעטעניש פאַר זיך, אַ ווונדערניש פאַר יענעם.
עס רעדט די וויסטע דאָ מיט אונדזער ווידערקול,
און ס'ענטפערט אונדז דער פוקס און די היענע.

איך בין אַ צווייפלער.
עס איז דער צווייפל מיין צעבראָכענע אמונה.

און נישט אומזיסט האָט דער רבי מיינער,
אַ ייִד אַ לויטערער,
מיך יעדן טאָג געשטעלט אין קונע.

אין קונע שטיי איך נאָך ביז היינט.
איך ווייס, די טענות מיינע זענען שוים און בלאָטע.
איך זע דאָס ליכט וואָס דאָ אין ראשון שיינט,
נאָר ווי איז דעם וואָס טוט און האָט חרטה.

איך בענק נאָך לאהקען, נאָך אירע ברוינע צעפּ,
פון אירע שעמעוודיקע הענט דעם ווייכן רונד.
נאָר כ׳האָב אין ים אַ שטיין אַריינגעוואָרפן,
און כ׳וועל דאָ בלייבן ווי דער שטיין דאָרט אויפן גרונט.

כ׳וועל זאָגן — ניין.
צו בלויקייט פון אוקראַינער הימל איך וועל זאָגן — ניין.
מיין הארץ מיין אייגענעם כ׳וועל זאָגן — ניין.
ווייל אַלע מיינע ווייטיקן זיי שרייען — ניין.

איך בין זיך מודה: אברמלען כ׳בין מקנא,
איך ווייס ניט, צי איז ער אַ תמים, צי אַ נאַר.
ער האַקט די שטיינער ווי ער זאָל שפּילן פּיאַנע,
און דעם שטויב פון פּנים גיט ער ניט אַ שאַר.

עס אַרט אים ניט
וואָס זיינע קינדער שלאָפן אין אַ קעלער, אין אַ נאָרע.
כ׳האָב אים געפרעגט, צי איז עס רעכט אַזוי?
האָט ער געענטפערט מיר, אַז מיינע רייד זענען עבודה זרה
און איך רעד ווי אַ גוי.

די ספיקות, זאָגט ער, זענען ווי אין פרוכט אַ וואָרעם,
זיי עסן אויף דעם יש, עס בלייבט די הוילקייט אינדערמיט.
די מצוות, זאָגט ער, טראָגט מען ניט ווי קלעצער אויפן אָרעם,
נאָר ווי ס׳געהער צו זיין, ווי עס דאַרף אַ ייִד.

נו מילא, אברמל ט׳מיך געשטעלט אין קונע,
ווי מיין אַלטער רבי פלעגט עס טאָן.

זיי ווייסן אפשר ניט, עס קען זיי אויסקומען משונה,
אז אָט־דער ווינקל איז דער אויבן־אָן.

עס שטייען דאָרט די חדר־יִינגלעך די עקשנים,
און ניט די פּאַמפּושקעלעך די באַרוטע.
ס׳האָט איינער שוין געזאָגט פון די אמאַליקע חכמים:
איך האָב ניט ליב די „אני־מסכימס" און די גוטע.

זאָג, ברוכל, צי ווייסטו ניט אַ מיטל?
עס האָט אַ זשוקל זיך פאַרנאַדיעט אין מיין שעניק.
איך ווייס זיין נאָמען ניט און ניט זיין טיטול,
נאָר ער בייסט מיר אין די פיאַטעס, דער מאַשעניק.

פון די קאַמאַרעס, מילא, מוז איך ליידן.
זיי זענען תושבים דאָ, לעגאַלע פּרעסער,
נאָר דעם זשוקל, זעסטו, אים וועל איך פאַרטרייבן,
איך וועל אים אָפּשיקן צו דער אגודה דער אָדעסער.

ס׳וועט זיין פאַר זיי אַן ענין פאַר אַ דרשה,
אַ גוטע פּרענטל אויף מליצות שטריקן...
פאַרמאַך ניט, ברוכל, די אויגן... ס׳איז נישקשה,
איך וועל צו זיי דעם זשוק ניט שיקן.

***

ס׳האָט לאַנג אין פּרייטיק־נאַכט געצויגן זיך דער שמועס.
ס׳האָט איינגעשטילט זיך דער געהויל פון די שאַקאַלן,
זיך אָפּגעגעבן צו דעם מדבר אין פאַרטרוי.
און מלכה שבת האָט מיט בענטשנדיקע שטראַלן
צוגעדעקט דעם וואַכעדיקן גרוי.

ס׳האָט ברוכל מיט ברודערלעכער האַנט
נתנען אַ קלאַפּ געטאָן אין קני:
נאמנות, דו ביסט אַ בחור אַ בריליאַנט
און זאָגן וועט מען: ויהי בימי נתן
דעם יונג פון אוקראַינע, ויהי...

די טענות דיינע זענען נוסח תפילה,
און תפילה האָט אַ סך נוסחאות.
וואָס מיינסטו איז סך הכל גאָר אַ תפילה?
ס'איז מיטן ליבן גאָט אַ שמועס.
כעס און צאָרן און הכנעה —
זיי וואַקסן אַלע אויף איין שטאַם,
זיי זענען אַלע קנויטן בלויע
אין דעם גאָט־פאַרטרויטן פלאַם.

איך האָב דיין כעסן זיך געהערט.
עס האָט זיך מיר געדאַכט:
ס'איז אַ קאַפּיטל תהילים.
ס'איז אפשר נאָך שענער,
אַוודאי נאָך האַרבער,
ווייל דער גוף טראָגט די ווונדן,
און ער איז דער שטאַרבער.

און דיין זעונג פון דעם דאָרן —
איז דאָך דבש.
נאמנות, זאָג איך דיר: ס'איז דבש.
אַוודאי, אַז עס ברענט דער דאָרן
בלייבט דער אַש.
אַ פּשוטע זאַך, ס'בלייבט דער אַש.
נאָר וואָס דען? דו ביסט דאָך דאָ אַהער געקומען,
כדי אין דאָרן דעם פאַרטריקנטן, דעם שטומען
דעם סנה דערזען.
פאַרשטייסט דעם טייטש? האָסט אים באַנומען?
אָט טאָקע צוליב דעם ביסטו אַהער געקומען.
ס'איז דאָך אַן עובדה: פון דאָרן ווערט דער סנה.
עס איז אַ שטיקל תורה שבעל פה.
מיר לערנען זי אין שטיין
מיט האַמער־פּרעס.
ס'איז ראשון דאָ —
ס'איז ניט אַדעס.

ס'איז דער טייטש פון ויהי:
ויהי בימי נתן דעם יונג פון אוקראַינע —
ויהי,

האָט אין ראשון דאָ־הי,
אין דאָרן אָנטפּלעקט זיך דער סנה.

ס׳איז אַ מעשה פאַר קינדער צו דערציילן.
פונקט ווי בר יוחאי אין די היילן
פון אותיות האָט פלאַמען אויסגעשלאָגן,
מיר דאָ — פון שטיין מיר וועקן אויף אַ טאָג,
וואָס ער וועט טאָגן.

דו צווייפלסט — אוודאי צווייפלסטו.
ווער איז פריי פון דעם בייז?
נאָר וואָס דען? אָט פונקט ווי פון האָלץ
ווען עס ברענט און ס׳איז היים
בלייבט דער אַש, —
פון מחשבה — קומט צווייפל —
נאָר אינמיטן דער פלאַם, ויהי אור.
עס האָבן צווייפלען געצווייפלט
ווער ווייס וויפל יאָר —
און ויהי אור.

און נאָך אַ משל — טאַקע וועגן צווייפל:
אָט פונקט ווי דעם פאַס פונעם ווייַן
האָלט אַ רייפל —
דאָס רייפל זשאַווערט, אוודאי זשאַווערט.
נאָר דער ווייַן אין דעם פאַס איז — לחיים.
פאַרשטייסט דעם טייטש? צי דאַרף איך אים צעקייען?
דאָס רייפל זשאַווערט, נאָר דער ווייַן איז לחיים.

ג. אַ בריוו

באַוואָפן זיך דאָס האַרץ מיט גבורה
און גיי זיך דורך דורך וואָכעדיקע טעג דורך כמורע.

לייען אַ בריוו וואָס איז געשריבן
צוריק מיט אַ יאָר זיבעציק און זיבן.

גיי דורך דורך טיר פון אָרעמקייט באַקרווינט מיט זאָרגן,
עס קומט דער האָן און זאָגט אָן דעם פרימאָרגן.

און די מזוזה ביי דער טיר אַ שטילער צייכן
היט די שוועל קיין בייז זאָל ניט דערגרייכן.

און כביכול אַלץ געדענקט
און יעדערן זיין אויסקומעניש שענקט.

גיי דורך די שטוב ווו פון באַגין
אַ שטראַל צעשיט זיך גאָלדיק-דין,

באַגלייט אַ תפילה צום באַשעפער: גאָט,
מודה אני, איך דאַנק דיר פאַר דיין גנאָד.

כ׳נעם אָן דיין בענטשונג צי ס׳איז גרינג, צי שווער,
וואָס דו באַשערסט איך פאָלג און הער.

און געהיים אין יעדן ווינקל דאָ
רוט גאָט ברוך הוא זיך אָפּ אין דער פרימאָרגנדיקער שעה.

עס שטייט אַ טיש אָן אויסגעבענטשטער פון אַלע ברכות,
אָן אויסגעזונגענער פון זמירות און תשבחות

און אין וואָכעדיקסטן טאָג אפילו
זעט ער אוים אָן איינגעוויקלטער אין תפילה.

און אויפן טיש אַ בריוו, אַ בייגעלע פּאַפּיר,
די שורהלעך געווירעט מיט אַ וויר

און יעדער אות געציקלט, איינגעפּאַסט
אַ בריוו אַזאַ צום קייסער שיקן האָט געפּאַסט.

דער טאַטע קוקט, אַ שטראַל די אויגן בלענדט —
דער זון, זיין ברוכל, וועט האַלטן אָט דעם בריוו אין זיינע הענט.

ער גיט דאָס בייגעלע פּאַפּיר אַ ריר, אַ גלעט
און ווייט, ווי ווייט דאָס הארץ קען זען, זיין זון ער זעט.

דער טאַטע שרייבט צו אים: בני,
איך זע די ספרים דיינע און ס׳טוט מיין האַרץ אַ ברי.

נישט אָנגערירט זיי ליגן אין דיין קאַמער
און דו, מיין זון, דו האָסט גענומען זיך צום האַמער.

נאָר כ׳טאָר ניט טרויערן, פאַרקערט —
דו האָסט געטאָן וואָס כ׳האָב אַליין צו טאָן באַגערט.

נאָר וואָס איז שייך — כ׳האָב באַגערט?
דאָס מזל יאָגט דעם מענטשן ווו ס׳איז אים באַשערט.

אָט ווי ס׳דערציילט דער תנא בר בר חנא
ס׳קומט יעדן טאָג אַנטקעגן אַ גרויליקע סכנה

און נישט נאָר אויפן שטורעם־ים, נאָר דאָ אין שטוב צווישן זעק
און שקראַבעס
נאָך גאָט צו דאַנקען מען דערשווימט צום טאָג פון שבת.

און שבת איז דאָך שבת. מען גייט דאָך מיט מלאכים
און גאָט צו דאַנקען מען פאַרגעסט דעם אינדערוואָכן.

און דו, מיין זון, דו ביסט געווען פאַר אַלע זאָרגן די באַלוינונג
און צוליב דיר די שכינה האָט גערוט אין אונדזער וווינונג.

ווער האָט ניט ברוכלען דעם עילוי אויסגעלויבט מיט אַלע לויבן?
אַ, זון מיינער, עס האָט מיין האַרץ געהיט אַ גלויבן

אַז דו וועסט זיין אַ רב ביי אונדז, אַ ליכט פאַר אַלע אויגן —
ס׳איז ניט געשען. דאָס האַרץ האָט דיך אַוועקגעצויגן

צו אפשר העכערע השגות. צו די השגות פון בני בחירה,
נאָר אומעטיקער איז געוואָרן דאָ ביי אונדז אין אונדזער דירה.

נאָר זעט אוים, פאַר יעדער מעלה און פאַר יעדן זכות
מיט ווייטיק צאָלן איז דער באַשערטער מוז.

און אזוי פלוצלינג ביסטו פון אונדז אוועק און אזוי ווייט
געלאָזן אויף דער עלטער אונדז אין עלנטקייט.

די שוועסטער דיינע, גאָט צו דאַנקען, ווי יונגער צווייט,
נאָר אַ וואָרט פון תורה — פון זיי הערסט דאָך ניט.

און אָפטמאָל דאַכט זיך מיר, אַז אליהו האָט דיך מיט אַ ווונק
אוועקגעשיקט אויף אַפּהיטן אַ טליִענדיקן פונק.

טאָר איך דאָך גאָרניט ווידערשפּעניק זיין. איך שוויג,
נאָר ס'קרעכצט דער בוים ווען מען רייסט פון אים אוועק אַ צווייג.

ס'איז דיין אוועקפאָרן פאַר מיר אַ פריידיק אַ געהיים,
דו האָסט באַשטימט פאַר זיך אַ נייע היים.

אַ הייליקע. און אַנדערש זענען דיינע זעלטזאַמיקע דרכים,
און אונדז געלאָזן האָסט אין בענקעניש אין גרויען שווערן
אינדערוואַכן.

אוודאי איז אַ בענטשונג האָבן אַזאַ זון. איך ווייס, בני,
נאָר ס'איז דער רוקן איינגעבויגן, און ס'ציטערן צוביסלעך שוין די קני.

און ביז עס קומט פון דיר אַ בריוו געדויערט און געדויערט.
צוויי הערצער האָב איך — איינס וואָס פרייט זיך, איינס וואָס
טרויערט.

און יאַנקל, דער פאַטשטפּירער, אַ ייִדל אַ פאַרשייטער,
ער טרייסט מיך: משיח, זאָגט ער, איז אוועק, זעט אום אַביסל
ווייטער.

איר דאַרפט גאָרניט, זאָגט ער, אויף בריוו אַזוי אַרויסצוקוקן
אַפילו באַקסער קומען אָן פון דאָרט שוין טרוקן.

וואָס אַרט אים דען? זיין זון איז נישט קיין שטיינהאַקער אין ראשון.
און איך — איך הער די שפּאַלטעניש פון שטיין ביינאַכט ווען
כ'דרימל אויף מיין קישן.

און כ׳זע דיין פנים איז מיט שוויים באַגאָסן.
און בין זיך מודה: עס כאַפּן מיך אָרום פאַרדראָסן.

נאָר מסתם איז דאָך אַזוי באַשערט
אַז דו זאָלסט זיין דער שטיינהאַקער אויף אונדזער ערד.

כ׳האָט משה אין דער מדבר אויך אַ שטיין געקלאַפּט
און פאַר די דאָרשטיקע אַ שלוקל אויסגעצאַפּט...

עס איז, זעט אויס, אַ חתימה אָט אַזאַ אויף אונדז פון אייביק אָן —
ביים שטיין ביים טרוקענעם אַ שלוקל טאָן.

איך וויים, עס איז אַ זינד וואָס כ׳זאָג — עס איז ניט קיין קאַטאָוועס.
וואָס קען איך טאָן? ס׳קומט יעדער מצווה אָן מיט זינדיקע מחשבות.

אַ ליידיקע דיין בעט אין קאַמער שטייט.
די מאַמע בעט זי איבער וויינענדיקערהייט.

אָן אַנדערש מאָל צערעדט זי זיך מיט כעס און פייער.
זי דאַרף ניט, זאָגט זי, צאָלן פאַרן כל ישראל שטייער.

און אויב מען דאַרף אין ראשון פון דער ערד די שטיינער פליקן,
טאָ זאָל די גאַנצע שטאָט די קינדער אַהין שיקן.

זי איז ניט, זאָגט זי, ביי גאָט אַ בת יחידה
און דאַרף ניט אויסטראָגן אַליין די גאַנצע בידע.

צו ר׳ מאיר בעל הנס זי וואַרפט אָן איבעריקע פרוטה
ער זאָל דיר אַ מחשבה אַריינגעבן אַ גוטע,

דו זאָלסט אַהיימקומען און זיין ווי אַלע יידן
און ניט אַרומזוכן משיחן אויף די יאַרידן.

ס׳איז גרינג, זאָגט זי, דעם וצדקתך טראָגן אין די פּאָלעס
און פאַר וצדקתך אָפּגעבן אַביסל שאָלעכץ,

דעם סידור און דעם מחזור מישן,
נאָר קיינער שיקט ניט אָפּ אַ זון אין ראשון.

אויב ס׳וויל משיח קומען, זאָל ער קומען,
נאָר ניט אויף אַ וועג אַזאַ אַ קרומען,

אַז פון מיר זאָל מען מיין רו און לעבן מאָנען
און וצדקתך זאָל זיך בלאָזן און זאָל שרייען: אָמן.

אַז זי צערעדט זיך ווערט די שטוב מיט אפיקורסות פול,
איך וויל ניט הערן, איך גיי אַוועק אין שול.

איך בין ניט בייז אויף איר, איך בין איר מוחל,
נאָר כ׳פיל, כ׳בין שוואַך, איך שטרויכל.

עס ליגט אַ תהום פאַר אונדז אַ שטענדיק גרייטער —
ווען ס׳גייט אַ צדיק דורך אַ טיר, גייט די סטרא אחרא דורך אַ צווייטער.

און איך, אַ ייִד אַ פשוטער, אַריינגעקוקט אַמאָל אין ספרים,
נאָר די חיונה אַט די ביטערע מאַכט די נשמה אָרעם.

איך שטיי און דינג זיך מיטן גוי, מיטן איוואַן —
מען ציט דאָך די חיונה ווי אַ פערד דעם שפּאַן.

אַ זעקל האָבער, אַ זעקל ווייץ —
עס גיט אַמאָל מיט טרויער דאָס האַרץ אַ פלייץ.

עס איז בזעת אפיך — מיט שווייס און מיט יגון,
נאָר מען לעבט, גאָט צו דאַנקען, און מען טאָר זיך ניט קלאָגן.

און איצט וועל איך דיר איבערגעבן
אַ בשורה טובה פון דיין רבין.

דיין אַלטער רבי, ר׳ בנימין,
שוין אַ זקן קיין עין הרע, בא בימים,

זאָל גאָט די כוחות אים באַנייען,
פאַרט בקרוב לעת זקנה קיין ירושלים.

עס האָבן באַלעבאַטים אים באַזאָרגט מיט אַלדאָס גוטס
אַ נייעם מלבוש און אַ שמויסן היטל,

ער זאָל ביים אוהל פון ר׳ מאיר בעל הנס
אַוועקלייגן פאַר זיי אַ קוויטל.

דיין רבי ר׳ בנימין זאָגט: ער האָט אַ משכון דאָרט אין לאַנד
פון די אבות.

דאָס מיינט ער דיך, און נישט אויף קאַטאַוועס.

אַ תלמיד, קיין עין הרע, זאָגט ער, אַן עילוי
מיט אַן אוצר אָט אַזאַ קען מען דעם שטורעם אויפן ים שוין
בייקומען אַפילו.

אַוודאי קוועלט דאָס האַרץ צו הערן אָט אַזעלכע רייד.
נישט יעדער דערצו איז זוכה.

די מאַמע שיקט פאַר דיר אַ העמד אַ בייקענע, אַ ווייכע,
דו זאָלסט, מיין זון, עס טראָגן געזונטערהייט.

ד. מיר זעען פון דוד המלך דעם טורעם

דעם טאַטנס בריוו האָט ברוכל געלייענט,
דורך פערלדיקע אותיות געזען דעם טאַטנס בליק.
עס האָט מיט היים און אומעט היימישן געווייעט;
מרחקים שמעלצן זיך און בענקשאַפט איז די בריק.
אָט איז דער פלויט דער איינגעבויגענער לעם גאָרטן
און יעדער ברעטל דאַוונט —
אַ פלויט אַ ייִדישער אָט-באַלד-אָט פאַלט ער כורעים,
אין אַלע אומעטן איז זיין איינגעבויגנקייט באַהאַוונט.
אָט האָט ער זיך אַהער געבראַכט צעטראָגן
צו שטיין אַ רגע דאָ אין ראשון אויף דער וואַך
אין אַ באַגינענדיקן פרי-פאַר-טאָגן
לעם ברוכלם געצעלט, זיין ניי-פאַרשפּרייטן דאַך.
ווי קומט אַהער דער קאַרשן-בוים?
דורך ימען זיך אַהער דערשליטלט
און מיט אַ צווייג זיך אָנגעלענט צום ווענטל פון געצעלט.
די ווייסע צניעותדיקע בליטן

אַט זענען זיי פֿאַרשאַטנט, אַט צעהעלט.
ס'האָט ברוכל דעם טאַטנס בריוו געלייענט
און גאָר די עלנטקייט האָט איבער ראשון זיך פֿאַרשפּרייט.
יעדער אות מיט טרויער האָט געפּלעמלט
און דאָ צום זון געקומען אויף באַשייד.

האָט ברוכל געשריבן תשובה צו זיין טאַטן:
לכבוד מורי אבי המופלג החכם,
דיין בריוו כ'האָב געלייענט,
דער צער פֿון דער מאַמע מיין האַרץ האָט געבראָכן.
אַ שאָד אירע טרערן.
ס'איז מיין זיין דאָ, חלילה, פֿאַר אונדז נישט קיין שטראָף.
ס'וועט אונדזער יחוס נישט שטערן.
ס'האָט דאָ נעכטן ערשט יעקב אבינו געפּאַשעט די שאָף.
אַז ער איז אַ פּאַסטעך געווען —
מעג איך אַ שטיינהאַקער זיין דאָך אוודאי.
(ער איז אויך נישט געווען אַבי־ווער, אַ ליאַדע).
מאַמע־קרוין, זאָלסט אָסור נישט וויינען.
איך בין נישט אַליין — דאָ.
מיר זענען אַ צענדליק בחורים.
מען אַרבעט בזיעת אַפּיך.
נאָר מיר זעען פֿון דוד המלך דעם טורעם.
ער שטייט נאָך. איבער בערג אַלע העכער.
מאַמע־קרוין, זאָלסט די טרערן באַהאַלטן
עס זאָל נישט פֿאַרדריסן דעם מלך, דעם אַלטן.
און זאָלסט אָסור נישט זאָרגן,
כ'וועל נאָך ווערן אַ שני למלך,
אויב ניט היינט איז איבערמאָרגן.
און מירטשעס'ם מיט גרויסע פּאַראַדעס
וועט איר קומען צו מיר דאָ אויף וואָך און אויף שבת.
ס'וועלן האָבן די שוועסטערלעך גאָלדענע קנעפּלעך
און דער טאַטע — עפּאָלעטן.
ס'וועלן טאַנצן די ציגן מיט פֿאַרריסענע קעפּלעך
און די פֿייגל פֿון הימל וועלן שיקן שטאַפֿעטן.

מיר שלאָפֿן אויף נאַרעס.
ס'איז האַרט דער געלעגער.
עס קומען צו גאַסט די ליידאַקעס, קאָמאַרעס,

עס העלפט נישט קיין מוסר, קיין זאָגער, קיין פרעגער,
מען קען זיי נישט שמייסן —
ווי אַלע קאַמאַרעס — זיי טוען און בייסן.
ס'איז טאַקע אַ ווונדער — די אווירא דארעא
זי מאַכט זיי נישט קליגער — זיי זענען קאַמאַרעס.
נו מילא, אַ ביס פון אַ קליינעם קאַמאַרל
פאַרגייט, ווערט פאַרשוווּנדן.
ס'איז אפשר פאַר אונדז אַ רפואה
אויף היילן לאַנגאַניקע ווונדן.

אבי היקר, זאָל דיין האַרץ דיר נישט דריקן
וואָס אויף מיין טיש נישט געעפנטע ליגן די ספרים.
אַ ספר ווערט טפל, און דאָס לערנען ווערט אָרעם
ווען ס'איז טפל דער לערנער.
מען דאַרף נעמען די קערנער,
מען דאַרף נעמען דעם רעיון,
מען דאַרף די קערנער פאַרזייען — און זיי ווערן עץ חיים.
איך גלייב באמונה —
מיר זייען דאָ איצטער די זריעה די גרויסע
פון אַן עלנטער אומה.
די נישט געעפנטע ספרים — זיי בליִען
ווען מיר שפּאַלטן די שטיינער די שטומע.

עס בענקט זיך, מיינע ליבע, אייך אַלעמען זען.
כאָטש נעם איבערן ים און שפּאַן.
די שוועסטערלעך מיינע מסתם יפהפיות געוואָרן — אַ שאלה!
כ'וואָלט אָפּגעגעבן די קרוין פון טערקישן סולטאַן
אַ קוק טאָן אויף אַלעמען אייך כאָטש אַ ווײַלע.
ס'איז פורים באַלד.
די פורימדיקע סעודה גוט זיך צו דערמאָנען.
ס'איז נאָר אַ שאָד, ס'איז פשוט אַ גוואַלד —
נישטאָ ביי אונדז קיין סעודה אָן אַ המן.
איך שרייב דעם בריוו. עס שרייען די שאַקאַלן.
אָפּט דאַכט זיך מיר — מיר וואַנדערן נאָך אַלץ אין מדבר
(נאָר מיר הערן נישט די שטים פון משהן).
נאָר ס'איז פאַרפאַלן.
מיר ווען זיך נישט אומקערן צוריק אין גושן.

כ׳האָב קיין מאָל אַזוי נאָך געשמאַק נישט געלערנט
די בבא מציעא און אַנדערע בבא׳ס,
ווי דאָ, ווען דער הימל איז לויטער צעשטערנט
און ס׳בענקט זיך נאָך אייך —
נעם איך זיך מיט חשק צו יונה הנביא
און לערן ווי ער איז אַנטלאָפן פון גורל
ווי אַ יינגל אַנטלויפט פון דעם רבין מיט מורא.
אַ הארץ איז אַ הארץ און עס טוט מיר אַ קליאַווע
אויף דעם אַלטן ר׳ יונה —
דעם געצוווּנגענעם נביא.
אונדזער שיף איז נאָך מערער צעבראָכן ווי זיינע.
ס׳האָט אים נישט געהאָלפן די פליטה,
און אונדז וועט נישט העלפן קיין טענה.
מען דאַרף גיין מיטן וועג דעם באַשערטן
אָפט מאָל אַ פריידיקן —
און אָפט אַ באַשווערטן.

מאָרגן אם-ירצה-השם וועלן מיר האָבן אַן אסיפה.
ס׳איז ענגלעך מיט חיונה.
מען וועט זיך עצהנען און היצן.
עס איז אַ האַרבע שאלה און אַ טיפע
און אָט-אָ דאַכט זיך — עס איז כלו כל הקיצין.
זאָגט אברהמל, אַ חבר אונדזערער,
אַ יונגערמאַן אַ תמים:
מיר זענען נישט קיין שטיינהאַקער,
מיר זענען מחותנים
אויף אַ שמחה אין לשער —
דאַרף מען וויסן ווי די זאָרגן האַלטן טייער.
מאַמע-קרוין, דו דאַרפסט די זאָרגן טייער האַלטן
און נישט וויינען גלאַט בחינם.
אַז שטיינער ליגן דאַרף מען שטיינער שפּאַלטן
און זיין אַ שטיינהאַקער איז גאָר אַ הויכע בחינה.
צו ליכט-בענטשן טו אָן דיין שבתדיקע הויב
און בענטש די ליכט אין פריידן —
עס טרעפט אַז וויין איז ביטער, און זים איז גראָד דער שטויב,
ס׳איז מיר דאָ גוט.
די פייגל מיט מיין לשון צו מיר רעדן.

זייט אַלע מיר געזונט, מיינע ליבע, טאַטע, מאַמע,
און איר, די שטיפּערקעס, שוועסטערלעך מיינע ביידע —
זייט נישט פאויל און העלפט דער מאַמען,
און איך דאַרף איך שוין גיין צו דער עבודה.
שוועסטערלעך, זייט וויסן, איר וועט דאָ קומען.
איך וועל אייך שיקן וואַסער ברענגען פון דעם ברונעם,
איך וועל אייך שיקן אַ גאָרטן זייען —
זאָלט איר זיך פלייסן און מיט די שיינע נעזלעך מיר נישט דרייען.

מיין רבי ר׳ בנימין איז טאַקע פלאי פלאים.
גערישט אים, איך ווינטש געזונטערהייט אים קומען.
איך געדענק נאָך זיין טאַבאַק-שקעטעלע דעם גרויען
און זיין ניגון — איך פיל דעם טעם נאָך אויף מיין גומען.
אַז ער פלעגט אַ זאָג טאָן „הוה אמינא״ —
און האָט דעם פינגער אין דער לופטן געהאַלטן.
אויף זיין פּנים האָט גערוט די שכינה —
אָט באַלד וועט דער הימל זיך שפּאַלטן.
איך בין צופרידן אים זען אין זיין כּאַלאַטל דעם נייעם,
(אַ געזונט זיי אין קאָפּ די באַלעבאַטים).
כ׳דערוואַרט אים באמת בכליון עינים
און נאָך אַ מאָל הערן זיינע חקירות און פּשטן.

ה. דער רבי ר׳ בנימין

באַהאַרצטע קוקן אָן זיך ביידע
דער אַלטער רבי ר׳ בנימין
און ברוכל זיין תלמיד וותיק.
ס׳איז בלייך דעם רבינס פּנים,
ער רייסט נישט אָפּ זיין בליק פון ברוכס הענט —
די הויט צעשפּאָלטן און די נעגל בלאָטיק.—
ער שווייגט דער אַלטער רבי,
ווי אויף זיין צונג פאַרפרירן זאָל דאָס וואָרט.
אין זיין אויג קומט אויף אַ טרער אַ שווערע
און פאַלט צעפּיצלט אויף זיין גרויער באָרד.

ער שטרעקט צום תלמיד אוים זיין דאַרע האַנט,
מיט קוים דערהערטע רייד ער ווענדט זיך: —

— געלויבט איז גאָט ברוך הוא
וואָס כ׳האָב דערלעבט צו זען דיך —
אַ תלמיד האָבן אָט אַזאַ ווי דו...

די רייד ווערן אין האַלדז פאַרקלעמט
און אין די אויגן וויקלען זיך די טרערן
ווי ס׳וואָלטן זיך געעפנט — פאַרבאָרגענע פאַרשעמט,
מיט טרויער אָנגעזאָפטע רערן.

— וואָס וויינט דער רבי? —
פרעגט ברוכל באַשיידן
און זיינע אויגן ווערן בלויער.
אַ פונק פון קינדערישע פריידן
און פון דערוואַקסענעם באַדויער
גיט זיך אַ צינד און ווערט פאַרלאָשן.
— נו, רבי, „לאָמיר הערן לשון״ —
לאַכט ברוכל דעם רבין צו דערמאָנען
ווי ער אַמאָל פלעגט ביי אים „גוטע עברי״ מאָנען.
דער רבי שמייכלט. עס וואַרעמט די דערמאָנונג
ווי ס׳וואָלט זיין תלמיד אים געבראַכט
אַהער אין לאַנד פון מילך און האָניק
זיין פרומען טיש און די גמרא,
די הילצערנע, די לאַנגע באַנק,
די שטימען פון די קינדער יונגע, קלאָרע.
עס פרייט דאָס הארץ, נאָר עפּעס טוט דעם אַלטן באַנג:

— איך וויין, מיין זון,
ווער ווייס גאָטס דרכים?
פון שמחה אפשר ווערט דאָס הארץ צעבראָכן.
עס קלעמט מיר... איך זע אויף דיינע הענט
די הויט געשפּאָלטן.
דער סדר עולם זעט מיר אוים נישט גלייך,
פון יינגלווייז נאָך פאַר אַן עילוי האָסט געגאָלטן.
און איצטער... וואָס איז שייך?...

ס׳באַנעמט נישט מיין מחשבה...
דו האַקסט די שטיינער...
צי איז דאָס שווה,
דו זאָלסט זיך איינשרומפּן אויף שטיינהאַקעריי,
וואָס קען אַפילו טאָן איוואַן דער גוי?
עס איז נישט שווה, ברוך,
ס׳לוינט נישט. ס׳איז נישט שווה,
ס׳איז די תורה הייליקער פון זאַמד.
און אַפילו דער זאַמד פון ראשון וואָס איז קודש
קען, חלילה, ווערן חול —
אויב ס׳וועט זיך דאָס ליכט פאַרלעשן,
כ׳מיין די רייד פון תורה אָפּטאָן זיך פון מויל.
דיין הויט צעביסן פון קאָמאַרעס,
איך קוק אויף דיר
און ס׳נעמט דאָס הארץ מיר בריִען
ווי ס׳וואָלטן אָנגעיאָגט זיך כמאַרעס
און טונקלען מיר מיין ראיה.

ברוך הערט זיך צו צום רבינס רייד.
ער קוקט אַראָפּ ווי ער זאָל זען אויף דר׳ערד אַ צייכן.
ער איז אַ ייִנגל נאָך. ער הערט מיט פרייד
דעם רבינס קול דעם שטראָפּנדיקן און דעם ווייכן:

— רבי, זאָגט ברוכל, וואָס טוט אַ פויגל
ווען ס׳קומט אָן דער ווינטער?
נאָך איידער ס׳כאַפּט דער פראָסט —
דערפילט ער קעלט אין די געהירן.
ער פאַרלאָזט זיין נעסט
אויף זוכן שוץ און שירעם.
דאָס לערנען און די תורה קענען אויך פאַרפרירן.
די נעסט פון דעם בית מדרש
וועט נישט דערוואַרעמען דעם גליוווער.
ס׳קען די נעסט נישט שיצן
און פון לערנען די התלהבות
איז אפשר פון ציטערניש דער פיבער.
וואָס איז שייך זיין אַן עילוי
אויפן ברוכווארג פון די פסוקים,

ווען פון איין זייט יאָגט אַ פייער
און די וועלף פון צווייטן הוקען?
אונדזער אָרעמע געמיינדע
לעבט דערשראָקן און פאַרלאָרן
אין דער היים דאָרט,
ווי אַ שאָף פאַרפּלאָנטערט אין אַ דאָרן.
אַ מאָל שעם איך זיך דערציילן
פון אַ חידוש, צי אַ סברא.
וואָס איז שייך זיין אַן עילוי
און פאַרפּלאָנטערט אין אַ דאָרן!
עס איז אַ שטייגער ווי די זון
זאָל קיין מאָל נישט אַרויס פון שיידל.
צי וואָלט עפּעס געוואַקסן אָן אַ זון?
עס איז ווי קינדער —
זיי שפּילן חנוכה אין דריידל.
מען פרייט זיך — עס איז געפאַלן אויפן „נון".
דער נס האָט זיי געטראָפן —
ס'איז חנוכה די צייט פון נסים
און מונטערע מען לייגט זיך שלאָפן.
עס דרימלט דאָך ביי אונדז די גאַנצע אומה.
מען האָט חלומות צוגעגרייט —
אַזוי די אפּיקורסים און אַזוי די פרומע.
מען טרייסט זיך מיט עילויים,
און די לומדים לויבן...
כ'האָב געזען די פעדערן
פון יידישע צעזעצטע שויבן.
ווי אותיות צעשטויסענע האָבן זיי אויסגעזען.
איך האָב געזען דעם אמר און ויאמר
אין חלל פליִען,
און זייער עלנט כ'האָב געפילט אין מיינע ביינער,
ווי עס וואָלט די ערד מיך ציִען.
מען רופט עס גזר — וואָס העלפט דער נאָמען?
וואָס טויג די עימקות אויף אַריינקוקן אין תהומען?
וואָס טויג דעם בוים אַז זיינע וואָרצלען
זענען טיף אין גרונטן,
און ס'קומט די האַק האַקט אים אַוועק?
די טיפע וואָרצלען טריקענען פון אונטן

און דעם בוים פרעסט אויף די זעג.
וואָס ווײנט דער רבי אויף מײנע שוואַרצע נעגל
און וואָס עס עסן מיך קאָמאַרעס?
כ'קום יעדן טאָג אַהער
ווי כ'זאָל זײן עולה רגל
און העל זעט אױס דאָס ליכט אין מײן געצעלט
דורך זײנע שמאָלע שפּאַרעס.
ס'איז ענג דאָס לעבן דאָ,
נאָר אַזאַ מין רחבות האָב איך קײן מאָל נישט געהאַט.
עס דאַכט זיך מיר, אַט ציט זיך אױס מײן אָרעם,
און פון מײן הונגעריקן מאָלצײט בין איך זאַט.
מיר גלײבן דאָך — משיח, ער וועט קומען,
און איך גלײב אין יענעם טאָג אין גרױסן,
דאַרף מען פאַר אים צוגרײטן אַ תקומה,
ער זאָל זיך נישט וואַלגערן אין דרױסן.
איז ווער דאַרף גרײטן זיך צו אױפנעמען דעם אורח
און זײנע וועגן היטן פון עין הרע?
אַוודאי די וואָס קענען אױסזינגען דעם מי שברך
און דערדרינגען צו דער לעצטער סברא.
אַ סברא, רבי, אַז אין די כלים פון נגינה
איז דאָ דער קלאַנג פון שטײנער קרישן,
און די וואָס האָבן אין געהער די סטרונעס דינע
זענען געקומען שטײנער האַקן דאָ אין ראשון.
כ'האָב אַ חבר דאָ, אַ בחור פון אוקראַינע,
אַן אַפּיקורס גאַט זאָל שיצן —
זאָגט ער — ער האָט דעם סנה געזען
אין פלאַמען זײנע,
אויף זאַמד פון מדבר זײנע פונקען בליצן.
ס'איז אמת,
ער האָט דעם סנה געזען,
אפשר איז דאָס אַ חזיון
און אפשר אין אַ היץ פון פיבער,
און אפשר איז דאָס אַ רמז —
מיר ווײסן נישט ווער ס'גײט אַריבער
דעם הויכן באַרג ווו ס'וואַקסט די בלאַט פון אמת,
די בלאַט פון רעטונג, די הושענא.
צי ס'קומט אַהין דער עילוי,

צי ס'קומט דער יונג, דער בחור פון אוקראַינע.
אויך זיינע נעגל זענען שוואַרץ געוואָרן.
ער וויינט נישט אויף דעם, ער זידלט דעם עם ישראל
מיט די שווערסטע זידלערייען.
איך הער זיך צו צו אים,
אויך זיינע רייד זענען אַ הייליקער כלי־זין,
די דרכי עולם, רבי, זענען פאַרשיידן.
די בלאָנדזשעניש איז אָן אַ שיעור.
איינער רייט אויף רייטוואָגן גלייך צום גן־עדן
און איינער גייט צופוס
און קומט אָן פריִער.
ווער ווייס וואָס איז דער טייטש
פון עולים און פון יורדים אויפן לייטער?
עס ווענדט זיך צי דער הימל, צי די ערד איז העכער
פון משיח דעם געהיימען וואָגלער,
אפשר זענען מיר די גליקלעכע באַגלייטער,
אפשר טראָגן מיר זיין בעכער.
דער הונגער איז אונדזער שכן
און די קדחת שוידערט יעדן אָדער.
מיר היילן דאָ די בראָך פון אַלע בראָכן
און אין דער מאַטערניש איז דאָ
אַ זיסער יאָדער.

דער רבי הערט זיך צו צום תלמידס רייד,
ווי אַמאָל ווען ער פלעגט אים פאַרהערן,
זיין בליק איז וואָך פאַרטראַכטערהייט,
נאָר אויפן פנים טריקענען נישט אוים די טרערן.

ו. אַ רעגן

עס האָט אַ פלייץ געטאָן אַ רעגן,
די וואַסער־שלאַנגען שמייסן, צישען.
ווי וועכטער איינגעבויגן אונטער גרויע דעקן
טוליען זיך די הייזלעך עלנטע אין ראשון.

עס גיסט דער גאַס מיט רויש און העשען.
זאָגט נתן: אַט האָסטו — ויהי גשם!
קומט, אחים, כ'האָב אַ פלעשל יי"ש.
כאַפּן אַ כוסה און אַ ברכה
סאַמע מיטן אין דער וואָכן
איז מה רעש?

די פיס די באָרוועסע אין לוזשעס פּלעסקען,
אַלע גייען מיט אַ הסכם —
אין אַ רעגן, אין אַ פּלייצן
די נשמה אונטערהייצן —
אַ לחיים איז איצט גוט.
שליאָפּעט מיט די פיס אברהמל,
גאַנץ געלאָסן און בארוט.
ס'אַרט אים נישט דער גאַס לחלוטין,
מיטן רעגן אַ מחותן —
שמייכלט ער אין גוטן מוט.

מאַכט מען אַ לחיים.
זאָגט ברוכל: איך טרינק נאָר מים.
נתן זאָגט: איך נעם שוין שלישי,
מעגט איר מיך אַ שיכור רופן.
אברהמל ט'נאָר געטאָן אַ שלונג —
ער איז שוין בגילופין:
אחים, שרייט ער, ס'וויל מיין צונג
איצט זאָגן שירה —
שירה — דבש און שמן —
אָסור אויב איך וויים צו וואָס,
נאָר איך וויים צו וועמען,
ס'איז צום גרויסן באַלעבאָס
אין זיין הויכער דירה.
עס טרעפט אַ מאָל אין פעלד
אַ זאַנג פון אַלע העכער.
ער איז דער אַנזאָגער פון שפע.
ס'האָט יעדער זאַנג די קערנער אין זיין פעכער,
נאָר ער, דער וויקסיקער, איז דער פאַרשפּרעכער
פון דער שפע.

נישט פרעג — ווער האָט אים אויסדערוויילט צום וואַקסן.
די זעלבע זון געוואַרעמט אים,
געגערט פון זעלבע שלאַקסן.
עס הייבט זיך אויף זיין שטענגל פון דער נידער
און ער זאָגט אָן די זאַנגען, זיינע ברידער,
אחים! איר וועט וואַקסן.
ער איז דער ערשטער וואָס אים גרייכט
די האַנט פון שניטער.
ער איז דער ערשטער וואָס אים טרייסלט
די קדחת פון געוויטער.
אין די גאַרבן ליגט ער איינגעבונדן
מיט הכנעה
און ער בענטשט זיין זכות.
פרעגט נישט — וואָס איז זיין הנאה?
פרעגט נישט — וואָס איז זיין געגום?
אין דער זעט פון פולע קערנער
איז די הויכקייט פון זיין שטאַנג.
אין דער שטים פון פרומע לערנער
איז די רוישונג פון דעם זאַנג.
און אין קלאַפּ פון אונדזער האַמער
איז זיין ניגון, זיין געזאַנג.

פרעגט נישט, אחים,
פרעגט נישט — ווער עס האָט פאַרבונדן
אָט די וווּנדערלעכע קייט.
עס איז דער זמר פון אַ תפילה
און דיין הארץ איז איר באַגלייט.
פרעגט נישט ווער עס האָט געשיקט מיך
דאָ אין קעלער, דאָ אהער,
כ׳פיל די פרייד אין מיינע גלידער
וואָס דער זכות איז מיר באַשערט.
מיר איז מיין אָרעמקייט גערעאַטן
און מיין מינץ נישט אויסצוציילן,
לויב איך גאָט, וואָס מיך הקטן
האָט ער באַוויליקט אויסדערוויילן.

זאָגט מיין טעכטערל מיר נעמי:

„טאַטע, כ'האָב געזען אַ האָז.
מיט די אויערלעך די ברוינע
האָט ער גערופן: נעמי, נעמי,
כ'האָב פאַר דיר אַ שטוב פון גלאָז".
כ'האָב פאַרשריבן די נבואה
וואָס מיין קינד האָט מיר געזאָגט.
כ'שווער אייך, אחים, מיט א שבועה —
ס'וועט שטיין איר שטוב ווי צוגעזאָגט.

איך ווייס נישט ווו פון טרויער איז דער קוואַל,
איך ווייס נישט ווו פון שמחה איז דער שורש.
ווען די מידקייט גיט מיך אַ באַפאַל
וועקט זיך אויף אין מיר בפירוש
אַ מין פרייד, אַ מין נגינה
ווי דער הימל וואָלט מיר מן געזיפּט
און די ערד די גאַנצע — מיין מדינה.

שרייט נתן: מדינה? גיב די קרוין אָפּ צו אַן אַנדער,
מוחל די קנעפּלעך פון דעם צאַר, דעם דריטן אַלעקסאַנדער.
זאָגט אברהמל: אחים, לחיים!
מען מיינט נישט מלכותא דארעא,
מען מיינט מלכות שמים.
מיין טאַטע פלעגט טייטשן: מדינה —
מלכותא דשכינה.
אויפן זאַמד איך צי זיך אוים
און ס'איז די רו אַזאַ פולע
ווי יינגלווייז אין טאַטנס הויז
ווען ער האָט געבעטן אויף גאולה.
איך האָב נישט געוווּסט וואָס עס באַדייט,
נאָר וואַרעם געווען איז זיין קול.
יענער תענוג ווערט איצט מיר באַנייט
און די וואַרעמקייט אויך פון אַמאָל.

אחים, נישט אין וויין איז די שיכרות פאַראַן,
נאָר אין די גלידער וואָס ווערן געהייטערט.
אָט דאָ אין ראשון דערפיל איך דעם טעם
ווי די מידקייטן ווערן געלייטערט.

אַ טראָפּן וואַסער זינגט צו מיר: לחיים,
און היילט מיך אויס פון דורותדיקע צערן,
און ווו איך שטיי — איז דאָרט ירושלים,
און די אבות זענען מיינע האַרן.
קען איך דען מורא האָבן פאַר אברהם אבינו?
וועט ער, חלילה, מיר אַ רשעות טאָן?
שלאָף איך רויִק אויף די ברעטלעך דינע
ביז עס וועקט מיך אויף פאַרטאָג דער האָן.
זאָגט צו מיר דער תרנגול: גוט מאָרגן,
שטיי אויף און גיי צו דיין עבודה,
גאָט וועט שוין פאַרזאָרגן אַלע דיינע זאָרגן.
איך פאָלג. איך גיי אַוועק אין פריידן.
אין מיינע וואָכעדיקע קליידער
פיל איך יעדן טאָג אַ שבת.
איך בין אים, חלילה, נישט מחלל, כ׳בין אים געטריי.
ס׳איז דאָ שבת, איבער שבת, כולו שבת —
דאָ ביי אונדז אין ראשון, אין דער העקעריי.

מיין טאַטע פלעגט זאָגן:
פאַראַן אַ שבת פון רו און אַ שבת פאַר שמחה
און אַזאַ וואָס נישט יעדער צו אים קען גענענען.
נאָר ווער עס דערפילט די מתיקות
פון אַראָפּוואַרפן יאָכן —
האָט די זכיה דעם שבת באַנעמען.
ס׳איז דער יאָך אין די ביינער,
אין מוח, אין בלוטן,
אין תהום פון די אויגן, אין געבויגענע האָרבעס.
נאָר ווען כ׳גיי באַגינען אין באָרוועס
קומט יענער שבת צו מיר אויך צום גוטן.
אחים, עס דאַכט זיך מיר אָפט מאָל
אין מיטן אַ דינסטיק —
פון אַראָפּוואַרפן יאָכן איך דערפיל די מתיקות.
אין אָט דער רגע דער הימל איז גינסטיק,
עס שפּילן די שטיינער אַ ניגון
און די קאָמאַרעס זענען די סמיקעס.
אמת, זיי בייסן — איך טרייב זיי אַוועק
און מיר לעבן אין פריידן.

און ס׳ווילט זיך מיר אויפזינגען אַ לכה דודי,
אַ לכה דודי מיט אייך און מיט אַלע,
און באַשיימפּערלעך הער איך
אין רויש פון דעם דינסטיק
אַ שבתדיקן לקראת כלה.

האָט זיך אָפּגערופן נתן
און זיך אַ פּערטע גלעזל אָנגעגאָסן:
יפה דרשת. דיין ויאמר איז אַ גוטער,
נאָר שמיר נישט אַזוי פעט דיין פרייד מיט פוטער.
דיין עם ישראל איז אַ חמור בין המשפתים.
ווי שטייט דאָרטן? כ׳געדענק שוין נישט דעם פסוק.
דו ביסט טאַקע די הויכע זאַנג,
נאָר זיי זיצן דאָרט, די דאַרע זאַנגען קייען.
און אויפן הארצן איז מיר, ברידער, דאָסיק.
אָט נעמט מיין לאהקע, אַ מיידל אַ בריליאַנט,
זי איז טאַקע דער שיינער זאַנג
וואָס וואַקסט אין דאָרן גאָרטן.
זיצט זי דאָרטן
און קאָלכט דעם טאַטנס וואַנט,
דעם יום טוב פסח צו באַנייען.
קיין ברעקל חמץ איז אין שטוב נישטאָ,
גיסט מען אָן דעם כוס פאַר אליהו
און מען זאָגט אים: לשנה הבאה...

האָט ברוכל געזען ביי נתנען די באַקן פלאַמען
און האָט צו אים אַ זאָג געטאָן מיט אַ גמרא ניגון:
צאַם נישט, נתן, גאָטס צאַמען,
און מיטן אַלטן נביא קריג נישט קיין קריגן,
ער ווייס זיין דרך,
און זיין טרחה איז קיין מאָל נישט אומזיסט.
ער קומט צום סדר צו דיין לאהקען,
זאָגט ער איר: זיי ווייסן — נתן גריסט.
ער טראָגט די בעכערלעך פון בענקען
און די שיכרות פון דעם בעסטן יין.
אויב ער וועט אַ בליק אָן איינציקן איר שענקען,
וועט זי קומען דאָ כהרף עין.

ס'האָט נתן צוגעהערט זיך אַ פאַרטראַכטער,
ווייט פאַרשוווּמען אין מרחקים.
און אַ גלויבן האָט געוואָרעמט אַ דערוואַכטער:
אפשר וועט זי קומען לאהקע, אפשר טאַקע.
דער רעגן האָט געזשומעט אַ ניגון,
געוואַשן דעם געצעלט מיט זינגענדיקע פינגער
און יעדערער זיין נחלה האָט געקריגן
אין דער שפע פון דעם גרויסן זינגער.

ז. אין פיבער

אַ טאָג דריי האָט נתן זיך געראַנגלט מיט אַ פרעסטל אין די ביינער,
ער האָט געוויצלט זיך: נישט מיך וועט נעמען די קדחת.
איך בין אַן עקשן נישט קיין קליינער
און זיך נישט לאָזן שפּילן קיין צו להכעיס.

איך האָב לאהקען נישט געפאָלגט — ס'איז מיר געראָטן,
וועל איך נישט פאָלגן דעם דאָקטער מאָזע.
נישט פאָלגן — איז דער געבאָט פון די געבאָטן
און עס איז אַ שטיקל עולם הזה.

נישט פאָלגן איז אַ ייִדישע הנאה,
ס'האָט מרדכי נישט געפאָלגט אפילו דעם מלך אחשוורוש.
ווען אַלע זאָגן יאָ, און יאָ און יאָען —
קומט ר' מרדכי מיט אַן אַנדער פירוש.

אַזוי האָט נתן זיך געוויצלט
און דעם פרעסטל פון די ביינער אָפּגעטריבן,
געווישט דעם שווייס פון שטערן און דעם שטיין געפּיצלט
און קוים די פיס געשלעפּט אין זאַמד אין טיפן.

נאָר איין מאָל האָט פאַר די אויגן זיך אַ צי געטאָן אַ גרויע כמאַרע
און דער האַמער ביי נתנען אין האַנט האָט נישט דערגרייכט
דעם שטיין.

ס'האָט ברוכל אָוועקגעפירט אים, אָוועקגעלייגט אים אויף דער נאַרע
און נתן האָט געקלאָגט זיך: בחור, פע, נישט שיין.

***

ס'האָט ברוכל זיך צוגעהערט ווי נתן רעדט אין פיבער,
געזען אין זיינע אויגן האָט געצונדן זיך אַ בליץ,
ווי ער ווישט די ברעמען מיט אַ האַנט אַ מידער,
די ליפּן טונקעלע פון היץ:
— צו וואָס דאָס גיין צופוס אַז מען קען רייטן אויף אַ פויגל
ווי עס האָט געריטן דער מלך שלמה?
עס זענען רגעס דאָ געהיימע,
עס איז נישט נאַכט, עס איז נישט טאָג,
עס איז דאָס הארץ געבונדן מיט אַן אימה —
דער חלל קומט... אָט באַלד פאַרשווינדט די וועלט —
אַ ווידוי-וועלט, אַ לעצטער זאָג.
עס האָט זיך מיר געחלומט — לאהקע איז אהער געקומען,
געשטאַנען אָט-אָ-דאָ.
זי האָט די הענט צענומען, און פון איר האַנט אַ פויגל איז
אַרויסגעפלויגן.
זי האָט גערופן מיך, און איבער מיר זיך אָנגעבויגן.
מיר זענען אָוועק — איך ווייס נישט וווּ;
עס איז געווען אַ שעה פון פולקייט און פון רו.
אונטער די פיס די ערד האָט זיך געטראָגן,
עס האָבן זיך געקייקלט ווייסע רייפן.
איך האָב זיך אויפגעכאַפּט.
עס האָט אַ היץ געקלאַפּט אין מיינע שלייפן.
עס האָט מיר באַנג געטאָן.
עס האָט דער חלום זיך געענדיקט,
אויסגערונען...
אויסגעלאָשן זיך אויף שטענדיק...
עס האָט מיר באַנג געטאָן...

— נתן ברודער, נעם אַ לעפל כינע.
די חלומות, מילא... די קדחת קען חלומות שפינען.
פאַראַיאָרן, ווען עס האָט געמאַטערט מיך דער פיבער,
האָט זיך מיר געחלומט — ס'האָט מיך אַ פיש אַ בים געטאָן.

נישט איך בין אַ פישער, נישט איך בין אַ שווימער.
עס גיט אַ טומל זיך אין קאָפּ, אַ שימער,
די חלומות, מילא... וואָרף אַרויס און נישט דערמאָן.

ס'האָט נתן אָפּגעווישט די פייכטקייט פון די ברעמען
און האָט גערעדט ווי ס'וואָלטן אים די ווערטער קלעמען:

— ווי קען מען נישט חלומען אין לאַנד פון כולו חלום?
איך בין אַ שטיינהאַקער פון חלום,
אויסגעטאָן פון יעדן ממש,
אַוועק אין לאַנד פון אבות...
פאַרלאָזט די טאַטעס און די מאַמעס,
מיט לאהקען זיך צעשיידט,
נאָך גוט — זי קומט אין חלום,
איך בין אַ שטיינהאַקער פון חלום...
וואָס איז דאָס לאַנד פון אבות?
אויסגעטאַפּטאַפּעוועט די דורות
ווי אַ שפּילער טאַפּעט אויס די קאָרטן.
דער חלום איז געוואָרן אונדזער הויז און אונדזער שורש,
און עס קריגן זיך אין מיר דער דאָ און דאָרטן.
די גזע אונדזערע — די קינדער פון אברהם אבינו —
חלומות זענען אונדזער לופט און באָדן,
אַן אויבערשטיבל ערגעץ דאָרט אין הימל,
און צום טאָג צום היינטיקן — פאַרמאַכט די לאָדן.
וואָס האָט יוסף, זאָג מיר, געטאָן אין לאַנד מצרים?
אַהין געקומען אַ געפּלאָגטער קנעכט —
האָט ער די מצרים זיך געשטעלט פון נויט באַפרייען,
מיט שפּייכלערס ווייץ באַזאָרגט, מיט חכמה און מיט רעכט.
וואָס איז זיין לוין געווען?
פרעהס רשעות און די גזירות...
דאָס איז דאָס מעשהלע דאָס שיינע
פון יוספן דעם בעל חלומות...
אפשר דאַרפן מיר דאָס האַרץ אַליין זיך שמידן,
אָנטאָן גראָבע חזירשע שטיוואַילעס,
פרעסן דאָס גוטס פון ערד מיט שמאַלץ און גריוון,
פאַרגעסן פון דעם אויבערשטיבל מיט די הויכע מעלות?
האַ, ברוכל? אפשר, האַ?...

— נתן ברודער, נעם אַ לעפל כינע,
זײַ נישט קײן פילאָסאָף.
שלינג אײַן די ביטערניש און מאַך אַ זיסע מינע,
טרינק אוים אַ ביסל וואַסער און רו זיך אָפּ און שלאָף.

— הערסט, ברוכל, איך מוז דיר זאָגן,
ס'איז וואָר, איך רעד נישט איצט פון היץ.
מײַן שטיקל נפש צווײ מלאכים טראָגן
און יעדער באַזונדער גיט מיר שמיץ.
ס'טרעפט און זײער אָפט, איך האָב חרטה.
איך בין נישט קײן צדיק און נישט קײן למד וױו,
פאַרוואָס דאַרף איך זיך מאַטערן אָט דאָ אין שטויב און בלאָטע
הײַנט און מאָרגן און אָן אַ סוף?
איך וויל נישט זײַן דער יצחק וואָס גײט צו דער עקדה.
איך בין אַ ייִד אַ פּשוטער
ווי ס'איז מײַן טאַטע און ס'איז געווען מײַן זיידע.
צי מײנסטו, ברוכל, ס'איז ווײניק
אין וועלט פון רוצחים זײַן אַ ייִד?
דײַן הויז, דײַן שוועל, דײַן הארץ שטײ אויף און רײניק,
דײַן מאָס, דײַן וואָג, דײַן דלד אמות היט —
צי איז דאָס נישט גענוג? צי איז דאָס ווײניק?
אין וועלט פון מאַכט און כוח, פויסט און קלעם
אויפשטײן בײַדערנאַכט צו חצותן —
צי קען נאָך זײַן אַ הייליקייט אַ גרעסערע פון דעם?
איז אפשר גאָר גענוג צו זײַן אַ ייִד, אַ פּשוטער ר' **נתן**,
אָט אַזוי ווי אַלע ייִדן זענען?
נאָר עס איז דאָ אין מיר אַ פלעמל,
איך קען אים נישט פאַרלעשן,
איך מוז אַ שטײנהאַקער פון חלום זײַן.
הער, ברוכל, מיר קענען אַקערן און זײען,
נאָר ווען עס קומט צום דרעשן —
די תבואה טראָגן מיר צום הימל
און אונדזער לוין דערפאַר — די מאַטערניש און פּײַן.
עס קען זײַן דער לוין איז גרעסער, מערער —
איך טראַכט און קען עס נישט באַנעמען.
נאָר וויפל קלעמונגען אין הארץ עס קלעמען —
דאָס פלעמל ברענט און ווערט אַלץ קלערער.

איך וויל דיך פרעגן, ברוכל, אַ שאלה,
אַ פּראָסטע שאלה:
אַז די מלאכים גייען אויפן לייטער,
פאַרוואָס איז זיי באַשערט —
אַז זיי זענען שוין העט־דאָרט מעלה־מעלה,
גייען זיי צוריק צו דער ערד?
זאָג דאָס מיר, אָט דאָס נאָר וויל איך וויסן...

— נתן ברודער, נעם שוין איין דעם פּראָשעק כינע
און די מלאכים לאָז דערווייל אין מיטן.
שלינג אַראָפּ די ביטערניש,
די מלאכים וועלן זיך אַליין שוין היטן.
זיי זענען דאָך מלאכים,
עס איז פאַר זיי נישטאָ קיין מעלה־מטה —
זיי מאַכן נישט דערפון קיין וועזן,
זיי האָבן נישט קיין מזרח־וואַנט אין שול,
קיין נידער און קיין אויבן,
זיי נעמען זיך אַ וואָלקן ווי אַ בעזעם
און ווישן אָפּ פון אונדזער וועלט די שטויבן.
נישט זאָרג פאַר זיי. נעם איין דיין פּראָשעק כינע.
דער דאָקטער וועט זיך בייזערן און שרייען: אָך און אַך!
נישטאָ קיין צייט צו קרענקען,
דער טאָג איז קורץ און אַרבעט איז פאַראַן אַ סך.

דעם דאָקטערס אייזל האָט צעשריִען זיך אין דרויסן.
דער דאָקטער האָט אים צוגעבונדן צו אַ רונג,
איז אין געצעלט אַריין, אַראָפּגעשאַרט אַ שטרוי פון זיינע לייוונטענע הויזן
און האָט גוטברודעריש ביים חולה אַ קוק געטאָן די צונג,
אַ טאַפּ געטאָן דעם שטערן:

— בלאָטע — האָט ער געזאָגט — אָן אַלאַרעם,
דער שטערן איז אַ ביסל וואַרעם,
משיחס זעלנער האָבן נישט מורא פאַר קדחת...
וועסט נעמען די ביטערניש נאָך אַ טאָג צוויי לפחות,
און פאַרטיק...
ווייז נאָך אַ מאָל די צונג...
אַ צונג — אַ צאַצקע! גרויסאַרטיק!

יאָ, און טרינק אַ גלעזל טיי.
איך האָב דאָ געבראַכט אַ פּעקל טיי וויסאָצקי
מהדרין שבמהדרין,
טרינק מיט אַ שטיקל צוקער אָדער סאַכאַרין,
אַלץ איינס... איך האָב נאָך דאָ אַ קימפּעטאָרין,
ר׳ איטשע דעם פּרדסניקס ווייב.
זי האָט אַ מיידעלע, אַ קליינע חוהלע געבוירן
און די חוהלע די קליינע קרימט זיך, שרייט,
דאַרף מען צוגיין איר אַ פּעטשל געבן
און אָנזאָגן אַז זי זאָל זיין אַ לייט.
חתן בחור, נאָך אַ צוויי־דריי טעג בלייבן אין בעט
און דאָ האָט איר צום לייענען אַ צעטל פון אָדעסער קאָמיטעט.
אַ דרשה, זאָג איך אייך, אַ דרשהניו —
ראָזשינקעס און מאַנדלען און פּאַלעסטינע...
לייענט, האָט הנאה... זיי קענען דרשענען,
זיי קומען נישט אַהער צו שלינגען כינע.

דער דאָקטער האָט אַ לאַך געטאָן, אַרויסגעאײַלט זיך פון געצעלט.
ביי ברוכלען דאָס פּנים ט׳אויפגעהעלט:

— אַ ייִד, אחד מאחינו, טשעקאָווע...
געווען אַ דאָקטער אַ באַקאַנטער אין פּאָלטאַווע
און אין מיטן דרינען —
מען האָט אויף אים געזאָגט: „אַראָפּ פון זינען״,
גענומען ווייב און קינד — אָן דרשות,
אָן מעשות צו דערציילן —
געקומען דאָ אַהער „משיחס זעלנער״ היילן.
עס האָט ביי אים אַ פּלאַם געטאָן —
ווי רופסטו דאָס — „דאָס פּלעמל״.
זיי ביידע — דער דאָקטער אונדזערער און אונדזער אייגענער אברהמל —
זיי צווייפלען נישט, זיי זעען אַלץ מיט אַ בליק אַזאַ אַ קלאָרן
ווי ס׳וואָלט די מאַמע זיי אין ראשון דאָ געבאָרן.

ח. אין יוגנטלעכן ברען

אין יוגנטלעכן ברען האָט ברוכל צו לאהקען אַ בריוו געשריבן.
ער האָט לאַנג זיך די פינגער געקלעמט, דעם שטערן געריבן:
ווי זאָל ער זי אָנרופן — פריילן, צי עלמה נכבדה.
ער וויל דאָך זיין חבר נישט שאַדן,
נאָר להיפוך, פאַרקערט,
ער וויל זיין אַ געטרייער שליח,
אַ גוטער שליח אויב ס׳וועט זיין אים באַשערט.

און אַזוי האָט ער געפּעסטיקט זיין דעה,
און אַזוי ט׳ער געשריבן דעם בריוו:
עלמה נכבדה, הויכגעשעצטע לאה,
איך בעט אייך גענעדיק פאַרצייען
וואָס איך שרייב אייך כאָטש גאָר אומבאַקאַנט,
דער פאַרלאַנג פון אַ פריינט אַ געטרייען
פירט מיט מיין פעדער און האַנט.
ער איז מער ווי אַ חבר מיר נתן,
מיר זענען ווי ברידער, ווי אחים צוזאַמען,
איך האָב פון זיין גוטסקייט און חכמה גענאָסן
דאָ, ווייט פון דער היים און מעבר לימים.

עלמה נכבדה, איך זאָג דאָס אָן גאווה
און גלייבט מיר, אָן באַרימעריי.
מיר זענען דאָ עטלעכע יידן געציילטע,
ס׳איז אפשר אַ מצווה און אפשר אַ תאווה,
און אפשר פון הימל באַשטימטע דערוויילטע,
מיר שפּאַלטן דעם ים סוף אויפסניי.
אפילו די פייגל וואָס זוכן דאָ שפּייז —
ס׳איז היימיש דער פלי, און ס׳איז טרייסט זייער שרייען —
זיי זענען אַ צייכן פאַר מיר, אַ באַווייז —
מיר גייען אַרויס פון מצרים.
און די פוקסן וואָס ווײנען פאַרטאָג און זיי קייכן —
מיר דאַכט זיך זיי זינגען די אַלטע ניגונים.
און עס רוישן פון מילך און פון האָניק די טייכן,
כאָטש דאָס לעבן איז שווער און מ׳איז מיט זאָרגן פאַרנומען.

עלמה נכבדה, נישט מיינט אַז עס קומט מיר נישט גאָר אויפֿן זינען
אַז איך דאַרף זיך אין פֿרעמדע גורלות נישט מישן,
נאָר כ׳האָב נתנען ליב און וויל אים גוטס גינען,
מיר זענען אַ נאָענטע משפּחה צוזאַמען אין ראשון.

איך שרייב אייך, ווייל נתן דערמאָנט אייך באהבה
אָט ממש פּונקט ווי עס שטייט אין שיר השירים:
„פֿון ליבשאַפֿט כ׳בין קראַנק“,
אַ ליבשאַפֿט אַזאַ צו פֿאַרדינען —
איז פֿון גאָט אַ געשאַנק.

איך שרייב אייך דעם בריוו —
אָן נתנס הסכמה, אָן זיין מינדעסטן וויסן.
איך עצה אייך, עלמה נכבדה,
נישט מאַכן אין לעבן קיין ריסן.

איך שרייב אייך די ווערטער מיט טיפֿער אמונה
אַז איר וועט מיך אייביק געדענקען צום גוטן,
איך רוף אייך נישט גיין אויף קיין וועגן קיין קרומע
און מיט גאַנצקייט פֿון האַרץ איך וויל אייך באַמוטן
צו קומען אַהער. דאָס האַרץ רופֿט דאָ אָפּ.
איך קען אייך נישט זאָגן פֿאַרוואָס.
עס איז דאָס לאַנד, וווּ עס זענען בנמצא מלאכים
און ווי שווער ס׳זאָל נישט זיין — איז נישטאָ קיין פֿאַרדראָס.

עס פֿאַרדריסט נישט די שווערע מלאכה
וואָס כ׳וואָלט נישט געטאָן אין דער היים.
און יעדער פּשוטער טאָג אין דער וואָכן
זעט אויס ווי אַ שבת געהיים.
ס׳איז יעדער פֿון אונדז דאָ אַ תושב אָן אַלטער, אַ יורש פֿון דוד המלך.
מיר וווינען איןביידלעך — דאָס זענען פּאַלאַצן.
מיר גרייכן דאָ וויט, כאָטש מיר גייען פּאַמעלעך.
עס וועלן די גרויסע גבירים זיך מיט אונדז נישט פֿאַרגלייכן
און דער גרעסטער בעל חשבון קען אונדזער פֿאַרמעגן נישט שאַצן.
מיר זענען דאָ רייכער פֿון רייכן.

עלמה נכבדה, איך וויל אייך פֿאַרטרויען —
איר זענט שוין געווען דאָ אין ראשון.

ס'האָט מיר נתן דערציילט אין ביינאַכטיקע שעהן,
ווען ס'האָט אים די היץ פון מאַלאַריע געמאַטערט
(אַ מחלה אַזאַ ביי אונדז דאָ אין לאַנד) —
זענט איר דאָ געקומען. עס האָט אַרויסגעפלאַטערט
אַ פויגל ביי אייך פון דער האַנט.
ווייסט איר דעם וועג ווי אַהער דאָ צו קומען.
מיר אַלע — מיר זענען געקומען מיטן זעלביקן וועג.
דער חלום איז קליגער, ווייס מער און ווייס בעסער
און האָט אַ ווייטערע ראיה.
ס'איז דאָס לעבן דאָ שווערער, נאָר ליכטיקער, גרעסער,
איך ווייס נישט צי איז דאָס אַ מאַטער, צי איז דאָס אַ זכיה,
צי ביידע צוזאַמען.
נאָר דאָס האַרץ רוט זיך אָפּ. אַזאַ פּשוטע רו
ווי אַ קינד אויפן שויס ביי דער מאַמען.

און ס'האָט איין מאָל מיר נתן געזאָגט —
און די רייד זענען וואַרהאַפטיק זיינע —
ס'איז בעסער אַ באַרוועסער גיין דאָ אין ראשון
ווי אין גאָלדענע שיך אין אוקראַינע.

און וועגן הוצאות זאָלט איר זיך נישט זאָרגן.
מיר וועלן דאָ אַלע צוזאַמען אויף אויסצאָל
ביי שלמה המלך די אַפּותיקא באָרגן.
און מיר זענען בטוח —
מיר פאַרמאָגן דעם היינט און דעם מאָרגן.

זעט אויס, ס'איז באַשערט אונדז נישט איין מאָל אַרויס פון מצרים.
און כ'דאַרף אייך די חכמה געווים נישט צעקייען,
אַז ווער ס'האָט אַ האַרץ און לויטערן זינען,
וויל פון שפלות אַנטלויפן —
און אַ וועג צו זיין מאָרגן געפינען.

עלמה נכבדה, איך פאַרשטיי — איר קענט לאַכן פון מיר:
גאָטס סטראַפּטשע, אַ בחור אַ נאַר, אַ נישט געדונגענער וועכטער.
עס קען אונדז חידושן גאָר אָן אַ שיעור —
עס איז אָפט מאָל דער קליגסטער ביי גאָט
ווער עס שטייט אונטער לייטיש געלעכטער.

איך וויל פון אייך נישט פאַרבאָרגן,
ס'איז דאָ נישט פעט דאָס געקעכץ
און מען טראָגט נישט קיין מלכותדיק בגד,
נאָר מען הערט נישט דעם וויי־מיר, דעם אָרעמען קרעכץ
און די עצבות די ביינער נישט נעגעט,
אויף די הויזן אַ לאַטע איז מלכותדיק שיין
און אַ קנייטש אויפן היטל פאַרשאַפט נישט קיין זאָרגן.
אַ בריליאַנט איז דער זאַמד, און אַן אוצר דער שטיין —
מיר פאַרמאָגן דעם היינט און דעם מאָרגן.
און היילִיק איך זאָג אייך — כ'בין נישט קיין באַרימער —
און זיך שפילן מיט ווערטער בין איך נישט קאַפּאַבל —
יעדן טאָג קומט די טויב מיט אַ בלאַט מיט אַ גרינער
און זאָגט אָן דעם סוף פון דעם מבול.
צי הענגט נישט דער מבול כסדר
איבער אונדזערע יידישע היימען?
און אַפילו די זיידענע קליידער
גלאַנצן אויך מיט אַ קלאָג אַ געהיימען.

איך פאַרענדיק מיין בריוו מיט געזעגן,
אייער האַרץ זאָל מיין ווונטש אין די ווערטער דערשפּירן,
און צו אונדזערע ליכטיקע ברעגן
זאָל אַ לויטערער שטערן אייך פירן.

ט. דער באַראָן

איין מאָל איז אין ראשון אַראָפּגעקומען דער באַראָן,
אַ גרויסער האַר,
אַ ניסימדיקער ייִד, ווער ווייס גאָר ווער ער איז.
און געקומען איז ער פון אַ ניסימדיקער שטאָט
וואָס הייסט פּאַריז.
ס'איז זייער ווייט
און ס'איז אַ טראָט פון ראשון.
ער האָט פּאַלאַצן און הוד הדר,
נאָר ס'קלאַפּט ביי אים אַ ראשונדיקער אָדער.
און נאָך אים קייקלט זיך פון גאָלד אַ באַרג.

האָבן ייִדן געשמועסט, געזוכט רמזים און ווינקען,
גיי וויים... אַ באַראָן...
גיי זיי אַ מבין אויף ייִדישע פונקען.

ער קען נישט שלאָפן
אַפילו נישט אויף אַ פוכענעם קישן,
סיידן מען ברענגט אים אַ פערדער פון ראשון.

ער קען נישט עסן
אַפילו נישט קיין קעז-און-האָניק קנישן,
סיידן מען ברענגט אים אַ גאָפּל פון ראשון.

ער קען זיך נישט פרייען
אַפילו פון טאָרטן און וויין אויף די טישן,
סיידן מען ברענגט אים אַ ניגון פון ראשון.

די באַראָנעסע האָט זיך אויסגעלערנט
אויף אַן אייזעלע צו רייטן,
און זי האָט געריטן,
און אַלע האָבן אָנגעקוקט זי פון דער ווייטן
ווי זי וואָלט פון אַ וואָלקן זיך אַראָפּגעלאָזט
אַט דאָ אין העלן טאָג אין מיטן.

צו די שטיינהאַקער איז די באַראָנעסע צוגעקומען
זען ווי ייִדן האַקן שטיינער.
זי האָט פון אייזעלע אַראָפּגענידערט
ווי אין אַ לאַנדשאַפט אַ געהיימער.
זיי האַקן... — האָט זי געזאָגט —
זיי האַקן... פשוט... מיט אַ האַמער.

זי איז שטיין געבליבן
אַזוי ווי צוגעקלאַמערט מיט אַ קלאַמער,
געקוקט אויפן הימל,
צי איז ער נידעריקער דאָ, צי העכער,
און אויפן אייזעלע וואָס האָט זי דאָ אַהער געבראַכט.
ער שפּינט מיט די אויערן ווי מיט אַ פעכער,
אַ חמור, ווי אַלע אייזלען,

און אפשר איז ער אַ פֿאַרשטעלטער,
אַראָפּגעקומען פֿון אַן אור־אור־עלטער
און האָט זי דאָ אַהער געבראַכט?

זי האָט געקוקט אויף אירע צוויי באַגלייטער,
צוויי מלאכים אַראָפּגענידערטע פֿון יעקבֿס לייטער,
אויף די שטיינהאַקער, חצי־נאַקעטע פֿאַרשווינען,
און אויף איר אייגן קלייד,
עפּעס אַ געהיימער שניידער האָט עס אויפֿגענייט.
אַלץ איז געווען איר אומבאַקאַנט
אויף אַ וועג צו אַ געהיימען לאַנד.

זי איז צו איציקלען צוגעגאַנגען פּאַמעלעך, באַזאַכט,
עס זינקען אירע טריט אין זאַמד אין שווערן
(די ווייסע הענטשקעס האָבן זיך געבלייכט אויף אירע הענט
ווי אין מיטן טאָג צוויי פֿאַרבלאָנדזשעטע שטערן).
זי האָט צו איציקלען געזאָגט:
דו ביסט נאָך אַזוי יונג,
ווי קענסטו טראָגן אַזעלכע עולן?
עס זענען שמאָל נאָך דיינע אַקסלען.
איך וועל פֿאַר דיין עסן און דיין טרינקען צאָלן,
דו זאָלסט נאָך רויִק אַ ביסל קענען וואַקסן...

האָט איציקל כמעט ווי זיך פֿאַרשעמט,
נאָר האָט אַ זאָג געטאָן און מיט אַ מאָל:
וואָס עפּעס אַן עול?
דאָס איז נישט קיין עול,
דאָס איז אַ מלאכה... אַ פֿרייד.
און אַז עס איז שוין געקומען צו רייד —
מיין טאַטע איז אויך אַ גביר...
נישט אין פּאַריז — איז אין דער־מיר.
אַ וואַלד־הענדלער. האָט זיבן פֿערד און אַ צענדליק שמייסער.
אַז ער פֿאָרט אַרויס נאַ־שפּיץ, מיט דריי פֿערד,
ציטערן די האָזן
און דער שניי ווערט ווייסער.
וואָס גייט עס מיך אָן?
דאָ איז מיר גוט

און איך בין אויבן־אָן.
דאָס איז נישט קיין עול, בשום אופן נישט...

די פרוי האָט געקוקט אויפן ייִנגל, דעם ייִד,
לאַנג געשטאַנען אויף דערגיין דעם באַשייד
פון זיינע געאיילטע און ייִנגלשע רייד.
זי איז געשטאַנען, פון אָרט נישט אָפּגעטראָטן,
געקוקט ווי דער וווּנדער־ייִנגל קלאַפּט דעם שטיין,
די פונקען האָבן זיך געשאָטן.
זי האָט נאָכגעקוקט זייער פּלי און קלעטער,
אַן אַלטער ספר האָט געמישט
זיינע פייערדיקע בלעטער.

עס זענען אירע צוויי באַגלייטער צוגעקומען,
מיט די בליקן זי גערופן:
שוין גענוג, גענוג פאַר דעם וויזיט.
זי האָט זיך נישט גערירט
ווי צוגעשמידט,
ווי ס׳וואָלטן צוגעהאַלטן זי געהיימע בענדער.
זי האָט צו אַ שטיין זיך צוגעלענדט
ווי צו אַ סטענדער.

— מלאכים מיינע, לאָמיר דאָ אַ ווײַלע טרינקען
אַ טראָפּן ווײַן וואָס קען אין זאַמד נישט זינקען...
אַ מאָדנעם טעם האָט ער,
אַ ביטער־זיסן.
דער בחורל, איר זעט, אָט דער,
דאָס נעזל איז ביי אים פאַררִיסן,
די לאַטעס אויף די הויזן איינס די צווייטע שטופּן,
ער האָט מיר דעם כוס דערלאַנגט,
איך וויל פון אים אַ ביסל זופּן.

די באַגלייטער האָבן אַ שמייכל געטאָן,
זיי זענען שוין געוווּנטש צו איר און צום באַראָן,
צו זייערע משונהדיקע דרכים.
ווילסט ווײַן? — טאָ זאָל זיין שבת אין דער וואָכן.

זי האָט אַ זיידן טיכעלע אַרויסגענומען

פון אַ טאַש מיט זילבערנע אוזאָרן
און האָט די ראָגן אַלע פיר פאַרקניפּט:
דאָס וועט מיר בלייבן לזכרון
אויף נאָך אַ מאָל דעם זאַמד דערזען און איבערהאָלן —
די קניפּלעך זענען בערג,
און מיינע אויגן זענען טאָלן.

צוריק איז זי צופוס געגאַנגען,
דעם אייזל האָט מען נאָכגעפירט נאָך איר פון ווייטן,
ער האָט געהירזשעט שטאַרק באַליידיקט,
וואָס די באַראָנעסע וויל אויף אים נישט רייטן.

פון דעמאָלט אָן
האָט מען איציקן גערופן — איציקל באַראָן.
און איציק האָט געשמאָרעט מיט דער נאָז
און געזאָגט מיט לוסטיקן פאַרדראָס:
— הער אַ מעשה — זי האָט מיין טאַטן ר׳ אברהמס פאַרמעסט,
ביידע ווילן האַלטן מיך אויף קעסט,
געבן מיר מיין טרינקען און מיין עסן.
און אַז איך אַליין בין יצחק בן אברהם —
דאָס האָבן זיי פאַרגעסן.

י. מחותנים

איציקל האָט געשריבן צום טאַטן ר׳ אברהם דעם גביר
ער זאָל אויסלייגן הוצאות פאַר שיינדל דעם שניידערס טאָכטער.
דעם יחוס-צעטל לאָזט ער איבער אין דער-מיר,
אין גרויסן יחוס איז ער נישט קיין פאַרקאָכטער.
זי איז זיין זיווג דער באַשערטער,
זי איז אַ בריליאַנט און זי איז אים געפעלן.
דאָס איז זיין פאַרלאַנג דער איינציקער און דער באַגערטער.
אַז זי וועט קומען, וועט ער מיט איר אַ חופּה שטעלן.
ער וועט צוריק אַהיים נישט קומען, דאָס לעבן פּטרן.
ער׳ט ליבערשט אויף ברויט מיט וואַסער זיצן.

ער וויל נישט זיך מיט וועלדער און מיט קלעצער מאַטערן,
ער וויל נישט זען די וואַנצעס פון די פּריצים.

די וועלט איז הפקר — האָט ר׳ אברהם גערעדט צום ווייב, צו חנה־ביילען.

ער איז געזעסן ווי אַ געליימטער. —
די וועלט איז הפקר, עס איז אַ חרפּה צו דערציילן,
וואָס מיינט ער, דער בן־יחיד אונדזערער, וואָס מיינט ער?
די כלה שיק אים! ער גיט מיר אָפּ באָפּעלן.
ער מיינט, זעט אויס, דעם טאָטן צרות פעלן.
אַ בחור פאַרלאָזט אַ שטוב מיט אַלעם גוטן.
ער זוכט אַ נייעם הימל, ס׳געפעלט אים נישט דער וועטער.
און מיך וועט ער באַזאָרגן דאָ מיט אַ מחותן
יאַנקל דער שניידער מיטן יתר.
כ׳האָב געזאָגט דיר, חנה־ביילע, אים נישט לאָזן פאָרן.
אַריינגעהאַקט אין קאָפּ זיך פּאַלעסטינע!
ווער? ווו? וואָס? אין מיטן דרינען האָפּ!
אין דער ישיבה עפּעס אַ בטלן, אַ קאַפּאָטע אַ גרינע,
האָט אים פאַרדרייט דעם קאָפּ.
ער גייט בויען אַ ייִדיש לאַנד!
ווער איז ער? אַ קייסער, צי אַ גרויסער חכם. ס׳איז זיין עסק?
עס פעלט דעם בחור אונדזערן פאַרשטאַנד.
די גאַנצע זאַך זעט אויס מיר ווי אַ חוזק.
און דו האָסט נאָך פאַר אים שקאַרפּעטקעס געשטריקט,
ער האָט אַ גוטע מאַמע.
נו גיי זשע איצט און צי דעם וואָגן אויף צוריק
און לערן אים אַ ביסל די חפצות צאַמען.
געשיקט אין אַ ישיבה אים,
געהאָרעוועט. געשלעפּט זיך אין די פרעסט, געפראָרן.
געוואָלט אַ זון אַ למדן האָבן,
אַוועקשטעלן אַ שאַפע מיט גמראס —
אַט האָסטו זיין למדנות.
אַט האָסטו גאָר אַ פרישן פעקל צרות.
געוואָלט אַ שידוך טאָן מיט סוחרים, מיט אַ נאָמען
און זיין מיט לייטן גלייך —
האָט זיך אין אים אַריינגעכאַפּט אַט דער שגעון.
עפּעס מיט אַ וועג אַזאַ קרומען —

ער וויל נישט זיין קיין סוחר,
ער וויל נישט ווערן רייך,
ער פּאַרט צו משיחן אים העלפן קומען.
עס פּאַרדריסט מיר אויף מיין זון —
אָן דרך ארץ, אָן זאָרג לחלוטין,
גיב אַ טראַכט. קוק זיך אַרום,
איז ניין — דווקא יאַנקל שניידער זאָל ווערן מיין מחותן.

חנה־ביילע האָט מיט פּחד געלאָזט הערן איר קול.
די אויגן זענען פול געווען — אַ ברונעם.
זי האָט זיי אויסגעווישט פון קלייד מיטן פּאָדאָל
און אַרויסגערעדט מיט זיפצן און תחנונים: —
אברהמל, דאָס הארץ עס זיך נישט אָפּ.
וואָס וועט דאָ העלפן דאָס שרייען?
ביסט דאָך אַ פרומער ייִד, דו ווייסט דאָך וויל —
אַ זיווג איז מן השמים.
נאָך פערציק טעג איידער מען דערזעט די וועלט
איז שוין ביי גאָט געלייגט די חתימה.
יעדע נשמה איז ביים בורא עולם טייער,
און פּאָר זיווגים איז אים נישט קיין נפקא־מינה
אַ וואַלד־סוחר אָדער אַ שניידער — ער ווייס בעסער
און ער פירט די וועלט מיט סדר.
שיינדל איז, חלילה, נישט קיין משומדת.
נו, מילא, איז דער יחוס נישט אַזוי אַי־אַי!
מ׳זאָל נישט האָבן קיין גרעסערע אבדות,
ס׳איז אָפּעסן דאָס הארץ זיך נישט כדאי.
די רייכקייט איז נישט דיינע,
געדענק, אברהמל, ס׳איז אַלץ פון גאָט.
דאַרף מען זיך נישט בריקען, דעם כעס זיך שטילן.
ס׳איז יצחקל אָוועקגעפאָרן — טוט דאָס הארץ מיר וויי,
נאָר דאָס איז אויך גאָטס ווילן.

ביי ר׳ אברהם דאָס פּנים איז איינגעפאַלן,
ס׳האָט געביטן זיך די מראה.
פּאַרפאַלן — האָט ער געזאָגט — פּאַרפאַלן.
ס׳איז אָנגעלאָפן איבער מיר אַ כמאַרע,
ס׳איז נישט באַשערט אַ טראָפּן נחת,

דאָס מזל האָט אַ שיין געטאָן
און אָפּגעשפּילט מיר אַ צו־להכעיס.
מיט וואָס האָב איך געזינדיקט, פאַרוואָס קומט מיך צו שטראָפן?
איך בין דער ערשטער אויף געבן מעות־חיטים,
פאַר אַ משולח מיין טיר איז שטענדיק אָפן,
די שעה פון מנחה און פון מעריב אָפּגעהיטן,
פאַר אַ גמילות־חסד איך בין, חלילה, נישט קיין קמצן,
פאַר אַ נשרף — ביי ווּעמען מאַכט מען אַ הלוואה?
ביי אברהם דעם וואלד־הענדלער אוודאי,
וואָס קען אַ מענטש דען טאָן אין גאַנצן?
אַ ייִד ווי אַלע ייִדן, אָן חכמות, אָן פּאַראַדע,
פאַרוואָס קומט מיר, אַז מיין בן־יחיד, איציקל,
זאָל גאָר אין מיטן דרינען
פון דער גאַנצער שטאָט דער איינציקער און איינער
זיך לאָזן איבער ימען שווימען,
אין לאַנד פון אבות האַקן שטיינער?
עס שיקט דיך נישט דער רב, עס בעט נישט קיינער,
אין מיטן דרינען פאַרט ער האַקן שטיינער.
און אויפן בחור אונדזערן איז אַ רחמנות,
אַ קינד אַ נאַר, איך זאָג דיר, חנה־ביילע,
ער האָט געלאָזט זיך אויף אַ לעבן פון קבצנות,
וועט ער אַ קבצן זיין ממילא.
די וועלט איז אומעטום די זעלבע, מעגסט מיר גלויבן,
אַ שטיינהאַקער איז נישט קיין רב און נישט קיין דיין.
ווער עס זיצט פון אויבן — זיצט פון אויבן.
אַזוי איז דאָ, און אַזוי איז אין ירושלים.
ער וועט חרטה האָבן — וועט ער וויינען.
טרערן איז דער אוצר פון נאַראָנים.
חרטה איז נישט סוחריש און עס העלפט נישט קיינעם,
און וואָס באַשערט — באַשערט איז, זאָגט מען אָמן.

צו מאָרגנס האָט ר׳ אברהם צום דאַוונען זיך פאַרפריט.
פאַרטאָג, עס האָט געשלאָפן נאָך די שטאָט,
געגאַנגען — ס׳איז נישט זיין גאַנג געווען, נישט זיינע טריט.
אָט פּונקט ווי דאָס הארץ איז שווער, איז שווער דער טראָט.
ביי „הודו לד׳״ דערפילט אין האַלדז אַ טרער.
אַ, גרויסער גאָט, עס איז דאָס לעבן שווער.

ס׳איז אַלץ ביי דיר אין האַנט, און אַלץ ביסטו,
נעם צו דעם טרויער פון מיין האַרץ
און גיב מיר רו.

דער שמש ר׳ אריה לייב איז צו אים צוגעגאַנגען
מיט אַ פריילעכן „גוט מאָרגן”,
— עס קומט אייך מזל טוב, מען שמועסט, ר׳ אברהם...
ער האָט זיך אָפּגעשטעלט,
דאָס וואָרט האָט זיך ביי אים אין האַלדז דערוואָרגן,
נאָר מיט דער האַנט האָט ער אַ מאַך געטאָן
צום ארון־קודשדיקן אויבן־אָן:
— יעקב דער שניידער, אַ ייִד אַ טייערער,
אַזאַ יאָר אויף מיר.
יעדן ערב פסח שיקט ער מיר אַ גילדן.
אָן איידלקייט אַזאַ האָט ניט ר׳ יאָשע דער גביר,
כאָטש ער האָט צוויי אייזן־קראָמען
מיט אויסגעפּאַרבטע שילדן.
דאָרט אין לאַנד אין הייליקן,
דאָרט גילט אַן אַנדער יחוס,
דאָרט אַהאַ,
די שכינה רוט דאָרט אויף די נידעריקסטע סטריכעס.
ס׳איז דאָרט, פאַרשטייט איר מיך, נישט דאָס וואָס דאָ.
אין לאַנד אין הייליקן דער יחוס איז אַ שטילער,
און זאָגן כ׳וועל אייך:
דער עיקר איז די כוונה פון דער תפילה.
מאָלט אייך, אַ פּאַסטעך פון די שאָף איז געוואָרן דאָרט אַ מלך.
צי וואָלט אַזאַ מין טרעפעניש געקענט פּאַסירן דאָ?
דאָ וועמען וואָלט מען אָוועקגעזעצט אויף פירן מלכות? —
אָוודאי יאָשע דעם גביר, דעם דבר אחר.
דאָרט אַהאַ! דאָרט איז דער אָרשין אַן אַנדערער
און ס׳איז אַן אַנדערער וואָס מעסט די מאָס.
דאָרט איז יאָשע דער גביר אַ קנאַפּער מאַכער,
דער עיקר איז דאָס לב — בכל לבבך.
דאָס איז דאָס.
אַז אייער יצחקל, געזונט זאָל ער דאָרט זיין,
אַז ער ט׳געוואָלט אַ זיווג קריגן,
האָט מען אים אַ ווונק געטאָן — גיי צו יעקב שניידער.

ס׳איז ניט אַ ליאַדע שדכנדל געווען,
אַהאַ, עס קומט פון דאָרט,
און דער ווונק, פאַרשטייט איר, איז אַ ווייטער.
אַ נאָווינע ביי אונדז אַ ל״ו,
דרייט זיך אַרום אַ ייִד, ס׳האָט קיינער ניט געזען אים, ניט געהערט.
אָבער דאָרטן ווייס מען ווען עס קומט
און ווען וואָס עס איז באַשערט.
שיינדל, די טאָכטער זיינע, זי איז דאָך אַ בת מלכה.
אַז זי ברענגט ערב פסח מיר דעם גילדן —
דאָס פנים לויכט. איך זאָג אייך, אַ פאַרשוין, אַ ליאַלקע,
מיט אַ שמייכעלע אַזאַ, אַ ווייבערישן, אַ מילדן.
איך זאָג אייך, ר׳ אברהם, ס׳איז ניט אַ ליאַדע שדכן דאָ געווען...
מען דאַרף אַביסל צולייגן דעם קאָפּ
און דעם בלב דערזען.

אַהיים איז ר׳ אברהם געקומען מיד, געעלטערט מיטאַמאָל:
מיין ווייב, דו ביסט גערעכט —
ס׳איז הודו לד׳ און טראָג דיין עול.
ער האָט מיט פינגער אויסגעשפּרייטע אַ פּיר געטאָן איבערן פנים:
טו אָן, מיין ווייב, דעם שאַל דעם נייעם
און לאָמיר גיין צו די באַשערטע מחותנים
און מאַכן מיט זיי אַ לחיים.
און אפשר איז גאָר איציקל פון טאַטן קליגער —
עס טרעפט דער תם ווייס מער פון חכם.
אָט האָב איך דרייסיק יאָר געהאַקט די ביימער, וועלדער שטיקער,
פון טאָג צו טאָג געשלעפּט די יאָכן,
ביי וואָס בין איך געבליבן, זאָג מיר?
דו ביסט דאָך אַ חכמה, חנהביילע,
געבליבן ביי אַ הענג-לאָמפּ און ביי טאָפּירטע ווענט.
דאָס האָב איך אין בית מדרש אַלץ באַטראַכט,
ווען כ׳בין געשטאַנען ביי דעם סטענדער צוגעלענדט.
וואָס ווייס אַ מענטש? וואָס קען ער וויסן?
ס׳איז הודו לד׳ און טראָג דיין פּעקל צער.
אינמיטן דערינען זאָגט דיין בן יחידל צו דיר:
טאַטע, ביסט אַ נאַר!
איך וויל ניט קייען דיין געשמאַקן ביסן.
און הערן האָסט געמעגט וואָס אריה לייב האָט היינט געטענהט,

דאַכט זיך אַ ייִד אַ בטלן, אַ ציגן־בערדל,
מעג מען אַמאָל הערן פון אַ ייִד אַזאַ אַ ווערטל.
דאָרט אין לאַנד אין הייליקן, זאָגט ער, איז גאָר אַן אַנדער וועלט
— דהיינו,

דאָרט מעסט מען יחוס מיט אַן אַנדערן אַרשין,
דער עיקר איז דאָס לבֿ, דאָס איז דער גאַנצער זין,
און אַלץ איז אַנדערש פון אָנהייב ביזן סוף,
און יאַנקל שניידער איז גאָר אַ ל״ו.
זאָל זיין אַזוי.
עס איז ניט שייך דאָס הארץ מיט רייד זיך קילן,
זאָגן יע, צי זאָגן ניין,
הודו לד׳
ס׳איז איבער אונדז זיין ווילן,
וואָס ס׳איז באַשערט מוז מיט זיין דרך גיין.

יא. ביידע צו דער זעלבער שיף געקומען

גאָט האָט אויסגעמאָסטן דעם ים מיט זיינע טריט,
אָנגעזאָגט מיט פּלאַטערונג די תהומען:
פון תהומען אייערע איר רירט זיך נישט,
און ים איז אייער נאָמען.

און אַ ווונק, זעט אויס, ט׳דער ים געקראָגן,
אַז מיט דורות שפּעטער וועט אַ שיף זיך וויגן־טראָגן,
און צוויי כלה־מיידלעך פון אַ יחוס־שטאָם אַן עכטן
וועלן אין די צעפּ חלומות פלעכטן,
און מיט ליכטיק־פרומע אויגן
ציִען צו דעם ברעג פון באַקסער און אתרוגים.
זאָל פאַר זיי דער ים זיין חסד אויסוויקלען אין גאַנצן,
און די תהומען זאָלן זיי נישט שרעקן,
ווי ציגעלעך זאָלן די שטראָמען טאַנצן
ביז די שיף וועט צוקומען צו אירע ברעגן.
און זאָל פאַרצייכנט זיין דאָס אין זכרון
ווי לאַנג די דורות זאָלן נישט געווערן.

די שיף וועט מען דערקענען לויטן שפילן פון איר האָרן
און די מיידלעך לויטן יחוסדיקן שטערן.

אזוי פיל וווּנדער געשען
ביי די וואָס זענען פאַר וווּנדער גרייט —
שיינדל און לאהקע האָבן זיך דערזען
און דערקענט זיך אומבאַקאַנטערהייט.
ביידע צו דער זעלבער שיף געקומען,
ביידע מיט די זעלבע פּעקלעך, מיטן זעלבן קנופּ,
מיט ציכעלעך געהאַפּטענע מיט בלומען,
מיט פלעשלעך עפּלקוואַס פאַר אַ דערקוויקעניש, אַ זופּ.

טאַקע די עפּלקוואַס ט׳געדינט געטריי אַ סימן —
דאָס איז אַ ייִדישער געטראַנק פון אייביק אָן —
איז לאהקע מיט אַ שמייכעלע אַ דינעם
צו שיינדלען צוגעגאַנגען און אַ פרעג געטאָן:
כ׳קען שווערן — מיר פאָרן אין דער זעלביקער מדינה.
ס׳איז גוט אַן אייגענעם צו טרעפן אין דער פרעמד.
איז וועמען האָט איר דאָרט אין פּאַלעסטינע?
איר פאָרט אַליין, ווי איך, כ׳האָב באַלד דערקענט.
די אויגן ביי שיינדלען האָבן אויפגעלויכטן מיט אַ טרער,
זי האָט אויסגעשטרעקט צו לאהקען ביידע הענט:
איך האָב אייך אויך געזען, אייערע טריט געהערט,
נאָר צוגיין האָב איך זיך געשעמט.
איך פאָר... איך וויים אַליין נישט ווי צו זאָגן...
איך פאָר אין ראשון... דאָרט מן הסתם...
ס׳האָט לאהקע אָנגעקוקט זי פאַרוווּנדערט און צעטראָגן,
ווי אַ וווּנדער וואָלט געשען אין מיטן ים.
— אין ראשון? איך פאָר אויך אַהין...
די ווערטער האָבן זיך באַהאַלטן פאַרן וווּנדער.
די שיף אַ שווימענדיקע תפילה.
די שטראָמען טאַנצן ווי ציגעלעך אַרויף־אַרונטער,
באַפּוילענע, געהאַרכזאַמע און שטילע.

אַרויף־אַרונטער, אַרויף־אַרונטער,
גייט פאַר דער שיף אַ זייל פון וווּנדער
און נאָך איר וואָלקנס איבער וואָלקנס רייטן.

אויף בלייכן הימל צינדט זיך אונטער
אַ שטראַל וואָס פירט צום ברעג צום ווייטן.

שווימט דער לויתן, טראָגט אַ גרויסן יחוס,
ער קען די כלה-מיידלעך פון אַמאָל,
כ'האָט זייער אור-זיידע אַ ייִד מיט וואָזשנער שליחות
ביי אים געגעכטיקט אין אַ מירמל-שאָל.
ער האָט פאַרגעסן גראָד זיין נאָמען,
נאָר ער דערקענט די אור-אור אייניקלעך, די מיידלעךביידע —
די זעלבע תנועות און דאָס זעלבע פּנים
ווי עס האָט געהאַט דער אור-אור זיידע.
און אויס געדענקונג פאַר דעם אור-אור זיידן
היט ער אַן ערן-וואַך דעם יחוס זייערן צו דייטן
מען זאָל די כלה-מיידלעך נישט באַלעסטיקן און נישט צעשיידן
האַלט ער אַן אויג אויף זיי פון ווייטן.

אַ קלייניקייט! דער יחוסדיקער שטאָם פון שיינדלען און פון לאהם
אויסגעצערטלטע אין עזרת נשים.
עס קומט זיי אַן ערן-וואַך לכל הדעות
טאַקע פון דעם מלך הלויתן.

אַ קלייניקייט! וווּהין זיי פאָרן —
אין לאַנד פון וויסטע גראָד צו אַ בוים אַ פרישן
עס האָט דער וווּנדער-זייל פאַר זיי צעשאָרן
דעם גאַנצן ים אויף שטעגעלעך קיין ראשון...

— אין ראשון פאַר איך... — האָט שיינדל אויסגערעדט
מיט ציטער —
ס'איז דאָרטן דאָ אַ בחור פון דער-מיר.
ער איז אַ שטיינהאַקער, זיין טאַטע איז אַן עושר,
האָט גאָלד און זילבער אָן אַ שיעור.
זיין מאַמע טראָגט אַ שאַל אַ זיידענע פון דאַנציג.
און אויף די פענצטער געפרענדזלטע גאַרדינען,
אין קיך אַ פּאָליצע מיט פאַנען מעשענע געפוצט און גלאַנציק
און אַ הענג-לאָמפּ מיט אַ קלאָש אַ גרינעם.
זיי האָבן קאָרעטעס מיט רעדער גומענע אין די סטאָדאָלעס,
נאָר איציקל — דאָס איז דעם בחורס נאָמען —

ער שרייבט מיר, ער וויל דאָס נישט געדענקען און דערמאָנען,
ער וויל קיין גביר נישט זיין, ער וויל נישט זיין אין גלות.
איך האָב געמיינט — ער וועט אין ראשון מיך פאַרגעסן.
דאָס האַרץ האָט מיר געקלעמט.
ס'איז אַזוי ווייט, ס'איז איבער ימען.
עס איז מיר אומעטיק געווען, נאָר איך האָב זיך געשעמט
אַ וויין צו טאָן אַפילו פאַר דער מאַמען.
כ'האָב אָפּגעריסן אין אונדזער גערטנדל אַ צווייגל בעז —
און כ'האָב געמאַכט פאַר זיך אַ סימן:
אויב מיטן צווייגל וועט געשען אַ נס,
די הייבעלעך וועלן נישט פאַלן און די בלעטלעך וועלן גרינען —
זיבן טעג, אַ גאַנצע וואָך —
אַ סימן ער געדענקט מיך נאָך.
און פונקט דעם טאָג דעם זיבעטן אַ בריוו איז אָנגעקומען ווי אַ בשורה,
עס האָט אַ שכן אָנגעקלאַפּט אין שויב:
שיינדל, וואָס אָפּ די שיינע צורה,
און גיי צום פּאָטשט-טרעגער, גיב זיך אַ הויב,
ס'איז דאָ פאַר דיר אַ בריוו פון פּאַלעסטינע.
דער פּאָטשט-טרעגער האָט זיך צעקלאַפּט אַ קני
מען האָט די וווּנד אַרומגעלייגט מיט פּאַוטינע —
אַלע גליקן טרעפן חיים-יאָשען —
ער האָט געקרעכצט און האָט געהייסן זאָגן
זאָלסט אונטערקומען, אים ברענגען די צוויי גראָשן,
ער וועט די בריוו היינט נישט צעטראָגן.

דער טאַטע האָט געזאָגט — עס איז פאַר אים אַ זכות,
וואָס איך וועל זיין אין הייליקן לאַנד.
ער וואָלט אַהין אַוועק, אַפילו גיין צופוס,
נאָר גאָט האָט אָפּגעטיילט דעם גלות מיט אַ ים.
ער האָט אַ זילבערנע מזוזה פאַר מיר געגעבן אַ באַשטעל —
זעקס מיט אַ האַלבן גילדן באַצאָלט פאַר איר,
און אָנגעזאָגט — ווען איך וועל האָבן אייגנס מיינס אַ שוועל,
זאָל די מזוזה זילבערן איבער מיין טיר.
און זאָל אין לאַנד אין הייליקן — זאָגט ער —
זיין אַ דערמאָנעניש פון אַ דער-מירער שניידער,
און אַז עס איז אים אַ זכות אַזאַ באַשערט — זאָגט ער —
וועט דער אויבערשטער מסתם אים העלפן ווייטער.

דער לויתן האָט זיך צו דער מעשה צוגעהערט פון אָנהייב אָן
און האָט געהאַלטן אין איין קוועלן,
פאַר נחת מיטן עק אַ פּאַטש געטאָן,
און ס'האָבן זיך אַרום דער שיף צעשאָטן ווייסע קרעלן.

לאחקע האָט גערעדט ווי צו זיך אַליין:
איך זע די כוואַליעס, זיי ציִען זיך און ציִען
און קיין מאָל קענען זיי נישט בלייבן שטיין.
זינגענדיקע שלעפּער איבער ימען...
זיי שוימען און זיי רוישן און זיי מיִען זיך און מיִען,
זיי האָבן נישט קיין היים.
איך האָב פאַרלאָזט אַן אַלטע מאַמע,
ס'איז שווער געווען מיט איר זיך שיידן.
זיך אָפּגעריסן. מיר דאַכט זיך, כ'בין אַנטלאָפן.
דער עלנט איז געבליבן ביי אונדז ביידן.
זי טראָגט אים דאָרט, — איך פיר אים מיט.
געלאָזן זי אַליין אין שטעטל.
די שטוב איז אויך שוין אַלט.
עס האָט זיך מיר געחלומט — אַ ברעטל נאָך אַ ברעטל פאַלט.
אַ פאַלעניש — זאָל גאָט נישט שטראָפן.
מען כאַפּט זיך אויף, נאָר ס'בלייבט אין האַרץ אַ שניט.
איר זעט די שאַל וואָס כ'טראָג,
די שאַל אַ וואַרעמע, דער מאַמעס האַנט איז גוט —
און טרערן זענען דאָ פאַראַן אַ פוד.
לעם יעדן קניפּעלע אַ טרער צווישן,
מען וועט לאַנג זי דאַרפן טריקענען אין ראשון.
איך פאָר אין ראשון... איך ווייס נישט ווו דאָס איז.
מסתם ערגעץ לעבן ירושלים.
אַ פריינט פון ראשון שרייבט מיר: ס'איז דאָרט דאָס לעבן שווער.
פאַרטאָג אין מדבר שרייען די שאַקאַלן.
נו, מילא, שרייען זיי, זאָלן זיי שרייען.
כ'בעט גאָט ס'זאָל זיך נישט חלומען מיר מער,
אַז פון די ווענט די ברעטלעך פאַלן.
איך פאָר, עס דאַכט זיך מיר אַז נישט די שיף פירט מיך,
נאָר כ'שווים אַליין מיט כוחות אייגענע, איך בין עפּעס געמעכטיקט,
כ'זע אַ ברעג, וואָס כ'האָב אים קיין מאָל נישט געזען,
איך פאָר צו אַ היים וואָס כ'האָב דאָרט קיין מאָל נישט גענעכטיקט.

אַ פּריינט פון ראשון שרייבט מיר, אַ כ׳בין דאָרט יאָ געווען,
אַ פייגל כ׳האָב אַהין געבראַכט אין חלום.
מסתם איז אמת. מען קען נישט ברענגען גאָרנישט ווען מען איז נישטאָ
און ס׳דאַכט זיך מיר — ס׳איז אַלץ אַ חלום.
אַט גיי איך און איך פאָר.
אַט האָב איך אייך באַגעגנט, אַ שוועסטער אַזאַ טייערע,
אין וועג אין שווערן.
אַט גיי איך און איך פאָר —
עס העלפן מיר דער מאַמעס טרערן.
וויינען איז געווען ביי דער מאַמען אַ שטענדיקע מלאכה.
זי האָט געוויינט, ווען גויים האָבן ביי אונדז די שויבן אויסגעבראָכן.
זי האָט געוויינט אויפן היזק און נאָך מערער אויפן גלות.
און פורים האָט זי געוויינט אויף די יידישע מזלות.
און פסח — וואָס די יידן האָט געמאַטערט פרעה.
און תשעה-באָב! איבער דער שטוב געלעגן איז אַ כמאַרע.
און אַפילו חנוכה פלעגט זי אַ טרער פאַרגיסן,
וואָס עס טרעפן שוין נישט מער קיין נסים.
כ׳בין מיד פון יידישן געוויין.
אייער טאַטע איז גערעכט — עס איז אַ זכות
קומען אין ירושלים, דאָרט אַוועקשטעלן אַ פוס.
דערזען אַ שטאָט, און גאַסן און ערגעץ ווו מסתם אַ שיין,
נישט אייביק תשעה-באָב אין זאַקן גיין.
כ׳בין מיד פון יידישן געוויין.

דער לויתן האָט זיך צו דער מעשה צוגעהערט מיט קאָפּ.
ער האָט זיך דערמאָנט דעם נאָמען פון דעם אור-אור זיידן יונהן,
אַ צופרידענער מיט זיין זכרון —
האָט ער מיטן עק דעם ים געטאָן אַ שאָב,
עס האָבן זיך צעשאָטן זילבערנע אוזאָרן
און לעם דער שיף האָבן צעשפילט זיך ווייסע שוימען.

איזערנער חלום

און וואָס וועט זיין —

און וואָס וועט זיין —
אַז צוריק וועלן קומען די פליִער
און זאָגן אַז עס איז קיין הימל נישטאָ?
איז ווו וועל איך ווענדן די בליקן,
אויב נישט העכער, נישט אויבן?

ווי וועל איך פאַרטראָגן די גרויקייט פון רעגן?
פון שטיינערנע גאַסן די שטויבן?
ווו וועל איך זיך רעטן פון שווערן דערווידער?
און ווער וועט מיר העלפן צו שרייבן די לידער?
אויב ס׳איז גאָרנישט מיט גאָרנישט דאָרט אויבן?

נאָר איך וועל די פליִער נישט גלייבן.
איך וועל זיי נישט גלייבן...

ווייל איך האָב אַ מלאך געזען,
נישט איין מאָל, אַ סך מאָל,
און ער האָט מיך מציל געווען —
פון פלאָגן וואָס דראָען.

און איך וועל די פליִער נישט טרויען,
איך וועל זיי נישט טרויען.

און וואָס וועט זיין —
אַז צוריק וועלן קומען די פליִער
און אָפּלייקענען דעם גן־עדן?
די היים פון צדיקים?
איז ווי וועט מיר גליקן
אַריבער פּאַפּירענע בריקן
אויב נישט מיט צדיקים?
אויב כ׳וועל זיך ביי זייערע פּאָלעס נישט האַלטן,
ווי וועל איך אַריבערגיין גריבער און שפּאַלטן?
ווער וועט מיר מיין אָרעמען נפש דערהאַלטן?
און ווו וועל איך אויפלייזן טרערן?

נאָר איך וועל די פליִער נישט הערן.
איך וועל זיי נישט הערן.

ווייל איך האָב צדיקים געזען,
נישט איין מאָל, אַ סך מאָל.
זיי זענען געגאַנגען אין יאַך און אין קלעם,
געטראָגן די וועלט אויפן רוקן.

וועל איך אויף די פליִער נישט קוקן.
נישט אומקוקן זיך און נישט קוקן.

עס קענען צום הימל דערגרייכן
די וואָס וועבן די הימלישע בלויען,
און האָבן אויף ניסים געשפּאַנט ווי אויף טרעפּ
און קענען די געננ פון נהרדעא.

אייזערנער חלום

אין דור פון קופּער און פון שטאָל
איך פּיטער נאָך דעם אייזעלע דעם ווייסן פון אמאָל.

פון פייגל אייזערנע אין זייער רוישיקן געשאַל
איך הער נאָך אַלץ דאָס ליד פון זומערדיקן נאַכטיגאַל.

און דורך די וואָלקנס רויך, און שטויב, און קויט
איך זע דעם אַלטן בבל-טורעם ווי מען בויט.

עס ציִען טרעפּ פון אַ קאַנווייער ערגעץ מיך אַרויף.
און כ'פּיל אין חלום אייזערנעם עס פּליט מיין גוף.

וווּהין? — שריי איך — וווּהין? — איך שריי.
און ס'ענטפערן מיר ליפּן צוויי געגאָסענע פון בליי:

איך ווייס נישט ווו.
איך בין אַ גולם נאָר, אָט פּונקט ווי דו.

און פון די גולם-ליפּן גיט אַ בליץ אַ בלענד,
און כ'פּיל ווי ס'גולמען זיך מיינע פיס און הענט.

פון חלום אייזערנעם ס'נעמט מיך אַרויס
דאָס ווייסע אייזעלע וואָס פּיטערט לעם מיין הויז.

אַ בשורה אַ פאַרחתמטע ער האָט פאַר מיר.
פאַרשריבן איז די בשורה אויף אַ זון-פּאַפּיר:

„דער בבל-טורעם איז אַ חלום נאָר.
איך און דער נאַכטיגאַל זענען די וואָרע וואָר".

אַ רעגן גייט

אַ רעגן גייט.
ס'איז נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַ וווּנדער.
ער טראָגט פאַר יעדן מענטש אַ טרער.
וואַש אוים דיין פנים אין דעם וווּנדער.
דו ביסט דער צושויער פון וווּנדער —
און נישט מער.

זעטיק דיין אויג מיט וווּנדער,
און נעם דיין חלק, נעם דיין טרער,
דערפריי דיין הארץ מיט וווּנדער,
דו ביסט אַ קורצער גאַסט ביים וווּנדער —
און נישט מער.

צעשפּרייט די הענט און שעפּ דעם וווּנדער,
צעבלוטיק דיינע פינגער, דיין אָרעמען געווער,
און שטאַרב אַ נישט-געזעטיקטער מיט וווּנדער
אַליין אַ רעטעניש פון וווּנדער —
און נישט מער.

עס לעשט זיך אוים דיין פונק פון וווּנדער,
אויף ברעם פון אויגן בלייבט אַ לעבעדיקע טרער.
גייסט יעדן טאָג אַריין אין בלענד פון וווּנדער,
אין אָוונט זאָגסט דיין שמע —
און נישט מער.

אויף אַ שערבל

אויף אַ שערבל האָט אַ שטראַל זיך אָפּגעשפּיגלט.
אין דעם שערבל, אין צעבראָכנקייט אַ שיין.
ס'האָט מיין פּנים אין דעם שיין זיך אויך פאַררינגלט
און באַהאַלטן דאָרט מיין ציטעריקע פּיין.

צי איז דער שטראַל געקומען בלויז פאַרנאַרן
אַ שערבל און אויך מיך?
ס'איז אַ שפּאַס: ס'קומט מיט געזאַנג דער ווינט פאַרשאַרן
פון שוועלן חרובֿע דעם לעצטן אָנגעזיכט.

נאָר גאָט אויף שערבל און אויף מיר איז זיך מרחם.
דעם שערבל נעמט דער שטורעם אין זיין דריי און פלי.
ער זינגט מיט אים אויף אַלע שפּראַכן
פון בלױונג און פון וועלקונג און פון ווידער־בלי.

און מיך אַ חלום פירט אַוועק צום קרוג.
איך זע אים גאַנץ אַ קוואַליקן מיט וויין.
צי איז דער שטורעם קלוג? צי איז דער חלום קלוג?
פון אַלע שערבלעך כ'זע אין קרוג די פולע שיין.

אַליין

איך בין אַליין אין מיין שטוב
און מיין לאָמפּ איז פאַרלאָשן.
כ׳שטרעק אויס די האַנט —
וויל עמעצן דערגרייכן,
און ס׳ענטפערן די ווענט:
שלום עליכם. שלום עליכם.

איך בין פאַרוווּנדערט —
כ׳בין אַליין אין מיין שטוב
און מיין לאָמפּ איז פאַרלאָשן.
ווי קומט אהער אַ וואָרט? אַ מענטשלעך לשון?
צי איז עס וואָר? צי ס׳איז אַ חוזק-צייכן?
און ס׳ענטפערט מיר דער דיל:
שלום עליכם, שלום עליכם.

איך בין פאַרוווּנדערט און פאַרוווּנדערט —
נישטאָ קיין פריינט און קיין ידידים,
ווער רעדט צו מיר מיט שלום און מיט פרידן?
מיט גרוס מיט ווייכן?
און ס׳רופט זיך אָפּ דער ביישטידל פון טיר:
שלום עליכם, שלום עליכם.

כ׳בין גאָר און גאָר פאַרוווּנדערט —
עס מעלדעט זיך די שטוב מיט שטימען הונדערט,
פון ברעטל, און פון טשוועקל און פון פענצטער בלייכן:
שלום עליכם, עליכם ועליכם.

כ׳בין אַליין אין מיין וועלט,
און דער טאָג איז פאַרגאַנגען.
נו, מילא. ס׳איז אָוונט.
און ס׳רופט צו מיר די ווייטקייט
פון ווייטן, פון ווייטן:
גוט-נ-אָוונט, גוט-נ-אָוונט.

איך בין פֿאַרוווּנדערט —
כ׳בין אַליין אין מיין וועלט,
און דער טאָג איז פֿאַרגאַנגען.
ווי קומט אַהער אַ ווּנטש?
אַ ווּנטש איז אויפֿגעגאַנגען.
כ׳שטרעק אויס מיין אָרעם —
און ס׳ענטפֿערט מיר פֿון מזרח, מערב, צפֿון, דרום,
פֿון ערגעץ אינדערהויך ווי פֿון אַן עמוד:
גוט־נ־אָוונט, און גוט תמיד.

איך בין פֿאַרוווּנדערט,
כ׳בין גאָר, שוין גאָר פֿאַרוווּנדערט —
כ׳בין אַליין אין מיין וועלט,
און דער טאָג איז פֿאַרגאַנגען.
די טונקלקייט איז נישט קיין ליכט.
דער אָוונט איז נישט קיין באַגינען.
ווער קומט מיר דאָ גוט־נ־אָוונט ביטן?
ווער קומט מיר גוטס דאָ גינען?
און בין פֿאַרוווּנדערט —

און ס׳ענטפֿערן מיר שטערן הונדערט:
מיר זענען די מאורות פֿון דעם אָוונט.
מלמדים פֿון פֿאַרליבטע און בטלנים.
דער טאָג פֿאַרמיידט אונדז, ווי ער האָט דיך פֿאַרמיטן,
מיר קומען דיר דערפֿאַר גוט־נ־אָוונט ביטן:
גוט־נ־אָוונט, גוט־נ־אָוונט און אריכת שנים.

מיר פֿאַרבלאָנדזשעטע...

מיר פֿאַרבלאָנדזשעטע פֿון אַ פֿאַרחלומטן יאָרהונדערט,
אַראָפּגעשאָקלטע פֿון בענקענדיקע צווייגן,
מיר טראָגן טאָפּל־ברילן און קוקן אָן פֿאַרוווּנדערט
דעם בבֿל־טורעם וואָס מען בויט.

עס איז אַ טרייסט פֿאַר אונדז, און ס׳מונטערט
פֿון אַ פֿייגעלע דאָס טרילן,
אַ פֿייגעלע פֿון דעם פֿאַרחלומטן יאָרהונדערט
פֿאַרשפּעטיקט ערגעץ אויף אַ פּלויט.

עס שרעקן אונדז די בלאָקן־הוקן־האַקן,
דער כּישוף־שפּרוך פֿון די עלעקטראָנען.
אונדזערע זייגערלעך פֿאַרדרימלטע טיק־טאַקן
און די לידער פֿון דעם רבי אלימלך מאָנען.

עס איז אַ טרייסט פֿאַר אונדז, ס׳באַזונדערט
אַ וואַלקנדל וואָס שלעפּט זיך שלעפּ און שלעפּ פּאַמעלעך
און וואָס די זון קומט־אויף איר טראָן באַטראָגנען,
מזרח, מערבֿ, צפֿון, דרום
ווי אין די צייטן פֿון דעם רבי אלימלך.

1963

דאָס געזאַנג פון שבת

מיט די זעקס קיסרים
פון די זעקס טעג פון דער וואָך
האָב איך זיך געקריגט ביז ערב שבת.
זונטיק האָבן זיי צוגענומען מיין שלאָף.
מאָנטיק האָבן זיי מיין זאַלץ צעשאָטן.
און אויפן דריטן טאָג, מיין גאָט,
האָבן זיי פאַרשליידערט מיין ברויט
און איבער מיין פנים מיט ריטער געפאָכטן.
זיי האָבן געכאַפּט מיין פליִענדיקע טויב
און האָבן זי געשאָכטן.
און אַזוי ביז פרייטיק אין דער פרי.
און דאָס איז דאָך מיין גאַנצע וואָך,
ווען עס שטאַרבט מיין טויבן־פלי.

פאַרנאַכט האָב איך אָנגעצונדן פיר ליכט
און צו מיר איז געקומען די מלכה שבת.
עס האָט אַ לויכט געטאָן איר געזיכט
און די גאַנצע וועלט איז געוואָרן שבת.
מיין צעשאָטענער זאַלץ
האָט געפינקלט אין זעלצל,
און מיין טויב, מיין פליִענדיקע טויב,
האָט געפּאַטשט מיט די פליגל
און גערייניקט איר העלדזל.

די מלכה שבת האָט געבענטשט מיינע ליכט.
זיי האָבן געלויכטן מיט אַ פלאַם אַ קלאָרן.
די שיין האָט פאַרדעקט די טעג פון דער וואָך

און דעם קריג מיט די זעקס קיסרים.
די גרינקייט פון בערג —
איז די גרינקייט פון שבת.
דער זילבער פון טייך —
איז דער זילבער פון שבת.
דאָס געזאַנג פון דעם ווינט —
איז דאָס זינגען פון שבת.
און דאָס געזאַנג פון מיין האַרץ —
איז דער אייביקער שבת.

ס׳איז נאַכט

ס׳איז נאַכט. ס׳קען זיין אַ לעצטע נאַכט.
כ׳וויל דאַנקען גאָט
וואָס ער האָט מיר באַוויזן זונען
און מענטשן ערלעכע, באַשיידן.
כ׳וויל דאַנקען גאָט
וואָס ער האָט מיר געגעבן די אמונה
אין גיהנום און גן עדן.

כ׳וויל דאַנקען גאָט
וואָס כ׳האָב געזען ירושלים
און צוגעלייגט מיין האַרץ צו שטיינער אירע.
כ׳וויל דאַנקען גאָט —
די זעונג כ׳קען באַנייען
און טרעפן דאָרט דעם רואה ואינו נראה.

ס׳איז נאַכט. ס׳קען זיין אַ לעצטע נאַכט.
כ׳וויל דאַנקען גאָט
פאַרן חלב-ליכטל דינעם פלאַם
וואָס האָט מיין טאַטנס טיש באַהעלט מיט שיין פון רו.
כ׳וויל דאַנקען גאָט
וואָס כ׳האָב פאַרזוכט דאָרטן דעם טעם
פון אלף בית און ברוך הוא.

מיין שפּראַך

ס׳איז נישט כדאי
אַזוי פיל צער
פאַר וואָרט געזאָגטן,
צי פאַרשוויגענעם.
עס לעבט אין מיר
אַ ווייסע שפּראַך,
אַ וואָרט וואָס כ׳האָב נישט
געזיגלט אים.
און כאָטש מיין ווייסע שפּראַך
איז שטום —
פון ווערטער נישט געפורעמטע,
איז זי מיין אויסשפּראַך און מיין שטים,
און מיין נשמה שטורעמט זי.

מיין ווייסע שפּראַך
האָט נישט קיין כתב
און נישט קיין צונג
פאַר איר אַנטפּלעק.
זי לויטערט אויף מיט איר באַשאַף,
אין ווייסער שטילקייט טויכט אַוועק.

ווען איך אַליין וועל ליגן שטום,
זיך וואונדערן —
וואָס איך בין טויט.
מיין ווייסע שפּראַך
וועט צונטערן
און אויפזיגלען די שטומע רייד.

איך הער זיי אָפט
ווען כ׳ווער פאַרשטויבט
פון בייזן שפּאָט,
פון חוצפּה־ברום.
מיין ווייסע שפּראַך
זי ענטפערט אָפּ,
ווען מיינע ליפּן זענען שטום.

איך דערדרויכער מיין סיגאַרעט

איך דערדרויכער מיין סיגאַרעט.
מיין פּנים איז פאַרדעקט מיט רויך
און שלאַנגען וויקלען זיך אַרום מיין קאָפּ.

כ'בין מיד.
כ'האָב געוואַנדערט אַ לאַנגען טאָג.
ער האָט זיך אויסגערויכערט.
און רויך פאַרדעקט מיין פּנים,
און שטויבן וויקלען זיך אַרום מיין קאָפּ.

אין פּסוק שטייט:
עס הענגט די וועלט על בלימה,
אויף גאָרנישט הענגט די וועלט.
דאָס וואָרט פאַרגייט אין שווייגן.
די פידל שפּילט איר ניגון
און ווערט שטום.
די שווייגעניש פאַרדעקט מיין פּנים,
די שטילקייט וויקלט זיך אַרום מיין קאָפּ.

עס וויינט דער ווינט אָן לשון.
די שטילקייט כאַפּט אים פאַר די פליגל און דערשטיקט.
אַ מורמל רויכערט זיך.
און שטומקייט וויקלט זיך אַרום מיין קאָפּ.
אין פּסוק שטייט:
עס הענגט די וועלט על בלימה,
אויף גאָרנישט הענגט די וועלט.

איך דערדרויכער מיין סיגאַרעט.
עס ליגט דער אַש אויף מיינע פינגער,
דאָס לעצטע וויקל-רויך פאַרגייט —
אָט ווי אין פּסוק שטייט.

איך בין נישטאָ דאָ מער

איך שטיי און רייד מיט אייך.
דאָס איז אַן אויגנבליק.
מיין וועלט האָט זיך געטאָן אַ קער.
איך רעד פון אומגליק,
צי פון גליק —
נאָר כ׳בין נישטאָ דאָ מער,
איך וויים — איך בין נישטאָ דאָ מער.

איך זע אַ בוים אין בלי —
דאָס איז אַן אויסטראַכטונג.
ווי קומט ער דאָ אַהער?
דאָס איז מיין ווונטש וואָס גרינט.
דאָס איז מיין קלעם וואָס בליט,
ווייל כ׳בין נישטאָ דאָ מער,
איך וויים — איך בין נישטאָ דאָ מער.

איך הער דעם ניגון פון דעם ווינט.
דאָס איז אַן אויסדאַכטונג.
אַ ליבע־ליד איך הער.
דאָס איז געזעגענונג,
דאָס איז אַ גיי־געזונט,
ווייל כ׳בין נישטאָ דאָ מער,
איך וויים — איך בין נישטאָ דאָ מער.

די נאַכט גיט אַ רוף

די נאַכט גיט אַ רוף:
שטיי אויף,
איצט רוען די אייזערנע רעדער.
איצט שטומען די גערעדלטע רייד.
ס'איז די שעה ווען עס בליִען די סעדער,
ס'איז די רגע ווען טוי איז פאַרשפּרייט.

שטיי אויף —
גיי זיך דורך איבער גאַסן,
זיי זענען פול איצט מיט געסט פון דער נאַכט,
אונטער שטראַל פון לבנה דעם בלאַסן
האָט אַ הונט זיך זיין יום טוב געמאַכט.

זיין פעל רוט זיך אָפּ פון די גלעטן,
זיין צונג פון דעם הינטישן לעק.
זיינע ברויטגעבער שלאָפן אין בעטן,
און ס'איז געטלעך די רו פון זיין עק.

שטיי אויף —
ס'וועט דער שטיין דיך מיט ליבשאַפט באַגריסן,
און דער טוי וועט פאַרשטעמפּלען דיין טראָט.
ס'וועלן אייזערנע רעדער נישט וויסן
דיין באַנאַכטיקן סוד.

דער טאָג צום אָוונט קומט

כ׳בין אַמאָל געווען יונג.
דערנאָך בין איך געוואָרן אַלט.
און איצט בין איך אין מיטן וועג,
ווו עס בייט זיך געשטאַלט אויף געשטאַלט.

אין טומל הער איך שטילקייט,
ווען יעדער טומל שטאַרבט.
אין בוים, אין בלעטער־פולקייט,
איך הער דעם רויש פון האַרבסט.

אין שאַל פון שווימענדיקע שיפן
מורמלט די שטים פון דנאַ.
זיי וועלן נישט דערשווימען צו קיין האַפן,
ווייל ס׳איז קיין האַפן גאָר נישטאָ.

דער טאָג צום אָוונט קומט.
עס צינדן זיך די שטערן.
און יעדער שטערן זינגט —
פון זיין נישט־ווערן.

די זון גייט אויף אין מזרח,
און זי אַנטלויפט צו דרום,
און זי אַנטלויפט צו מערב,
און זי אַנטלויפט צו נאַכט.

אָט פונקט ווי איך אַנטלויף
פון היינט צום מאָרגן,
און ס׳איז דער מאָרגן אָן אין־סוף,
אָדער ס׳איז נאַכט.

דער הימל ווערט נעענטער צו מיר

דער הימל ווערט נעענטער צו מיר און אַלץ נעענטער —
אַט וועל איך אַ שפּאַן טאָן און קומען צו אים.
נאָר מיין גאָט וואָס כ'בין דאָרשטיק צו אים און זיין ענטפער —
ווערט נאָך טיפער פאַרבאָרגן, נאָך ווייטער זיין שטים.

איך שטיי פאַרלאָרן אַמאָל אין מיין אייגענער וווינונג,
איך דערקען נישט די ווענט ווי באַדעקטע מיט גרים.
איך לעב אין דעם תוהו און באַטראַכט אים מיט שטוינונג.
און מיין גאָט איז פאַרבאָרגן, כאָטש כ'הער נאָך זיין שטים.

איך בייט יעדן טאָג מיינע קליידער

איך בייט יעדן טאָג מיינע קליידער,
מער קען איך קיין זאַך נישט בייטן.
כ'וואָלט געטוישט יעדע שעה, יעדן טאָג אויף אַ צווייטן,
נאָר כ'האָב נישט קיין שפּרונג אויף צו ענדערן צייטן.

גאָט אַליין, זעט אויס, בייט פון זיין וועלט די בגדים,
אַט־אַ גרינט, אַט־אַ וועלקט, אַט־אַ דונערט מיט בליצן.
אַפילו מלאכים מיט זייער לויב און גענאָדן
קענען אויך פון דעם אייזערנעם לאַנגווייל נישט שיצן.

אויך די זון צוליב דעם מוז איר שטראַלונג פאַרטושן,
און אַנטלויפן פון טאָג, פון זיין בלענדיקן טומל,
און פונקט ווי איך קומט אויף מאָרגן אין נייע מלבושים
און קרייזט ווידער איר קרייז אין דעם הימלשן רומל.

איך זינג אַ ליו־ליו

איך זינג אַ ליו־ליו,
פֿאַר זיך אַליין אַ ליו־ליו.
אָט גלאַט אַזוי,
פֿאַר אַ רגע רו —
איך זינג פֿאַר זיך אַ ליו־ליו.

איך זינג פֿון אַ זון,
כאָטש ס׳איז קיין זון נישטאָ.
אָט גלאַט אַזוי,
זאָל זיין אַ זון
אין אָט דער חושך־שעה.

איך זינג פֿון אַ שטראַל,
כאָטש ס׳איז קיין פֿונק נישטאָ.
אָט גלאַט אַזוי,
אין טאָג פֿון גוואַלד
זאָל זיין אַ שטראַל צעשטראַלט

ס׳איז גלאַט אַזוי,
איך זאָג עס גלאַט אַזוי,
איך זינג נישט קיין ליו־ליו.
כ׳בין ערגעץ ווו
אָן אַ ליו־ליו.

כ׳בין אין אַ נאַכט
וואָס רופֿט זיך רו,
צי גאָר אַ טאָג
אין תוהו ווו,
אָן אַ ליו־ליו.

1962

איך וויל זיך דערמאָנען

איך וויל זיך דערמאָנען
ווי דער טאָג איז אוועק.
אזא לאַנגער טאָג!
איך ווייס נישט.
איך קען זיך נישט דערמאָנען.

די פיס זענען מיד,
ווי פון לאַנגן געיעג.
נאָר וווהין? און נאָך וואָס?
איך ווייס נישט.
איך קען זיך נישט דערמאָנען.

כ׳האָב געוואַשן דעם טיש,
מסתם געווארט אויף א גאַסט.
צי איז ער געקומען?
איך ווייס נישט.
איך קען זיך נישט דערמאָנען.

כ׳האָב געצאָרנט, געוויינט.
א טרער האָט געגעסן מיין אויג.
נאָר צוליב וואָס?
איך ווייס נישט.
איך קען זיך נישט דערמאָנען.

איך האָב מיט מענטשן גערעדט.
צי איך האָב געגלויבט?
צי איך האָב בלויז געגאַפט?
איך ווייס נישט.
איך קען זיך נישט דערמאָנען.

ס׳האָט מיין שיף זיך געצאַפּלט אין ים.
צי כ׳האָב דעם ים געזען?

צי האָט זיך מיר געחלומט בלויז אַ ים?
איך ווייס נישט.
איך קען זיך נישט דערמאָנען.

אַט קלאַפּט מען אין טיר.
אַ חוב קומט מען מאָנען.
נאָר פאַר וואָס?
איך ווייס נישט.
איך קען זיך נישט דערמאָנען.

1962

כל זמן

כל זמן די פייגל פליִען זינגען זיי.
איך ווייס נישט ווו זיי קומען אום.
צי ווערט אַ טורף זיי צעפּליקן אין געשריי,
צי אַ שטורעם ווערט זיי מאַכן שטום.

עס בלייבט מיט זיסקייט אין מיין אויער
זייער געזאַנג.
פאַרן געליטענעם מיר גיבן אָפּ זיין טרויער —
אונדזער געשאַנק.

ערשט היינט האָב איך געזען אַ פויגל בלוטן,
צוגעטוליעט צו אַ פּלויט.
פאַר זיין געזאַנג כ׳האָב אָפּגעדאַנקט מיט גוטן —
איך בין פון אים אַנטלאָפן אין זיין נויט.

און ווען איך בין אַהיים געקומען
דער שטאַרבנדיקער פויגל איז געלעגן לעם מיין שוועל.
ווי קומסטו דאָ אַהער? — האָב איך געשריִען.
ער ט׳זיך אַ הייב געטאָן און אַנגעהויבן פליִען
און מיט געזאַנג האָט אויפגעוואַכט זיין קעל.

1963

מדבר יוטאַ

מיילן, מיילן פון אַ חלום איז דער מדבר יוטאַ,
גרויע דערנער איינגעזונקען אין אַ שלאָף בארוטע.

ווייס איך נישט צי ס׳איז מיין חלום,
צי דאָס איז דער מדבר יוטאַ,
צי די קלעמונג איז פון דערנער,
צי מיך מאַטערן פון מדבר די נישט־גוטע.

דאָרן איינגעקלעמט אין דאָרן
אויף אַ שטום־לשון פאַרטרויען:
כ׳בין געבאָרן, כ׳בין געבאָרן
אייביק דאָרענען אין דאָרן.

ווייס איך נישט, צי ס׳איז אין דרימל
מיר באַשערט אַזאַ הנאה,
צי דאָס חלומט מדבר יוטאַ
אין זיין פינצטערער הכנעה.

דרימלען דערנער, לאַנג פאַרגעסן
פון אַ האָפענונג אויף טויען.
טויזנט־יאָריקע מעת לעתן
איינגעבויגן גרויען, גרויען.

ווייס איז נישט צי דאָס איז יוטאַ,
צי פרילינגן פאַרפרוירענע פאַרצייטן,
צי דאָס איז מיין היימלאַנד ליטע
אַ פאַרדאַרנטע באַווייזט זיך מיר פון ווייטן.

פלוצלינג זע איך ס׳ברענט אַ דאָרן,
ס׳האָט די זון אים אָנגעצונדן,
ברענט און ברענט און ס׳ווערן ווייסער
זיינע פייערדיקע ווונדן.

ווייס איך נישט צי ס׳שפּילט אַ זעונג
אויף מיין מידער אויגן־וויִע,
צי דאָס ברענט דער מדבר יוטאַ
פאַרנאַכט אין טרויעריקער שקיעה.

1963

פון תהום די מגילה

עס טרעפט, כ׳הער דעם תהום ווו עס פאַלן די טעג,
די פרייד לעשט זיך אוים און נצחון פאַרגעסט זיך.
איך הער דעם תהום וואָס שלינגט טורעמס און שטעט,
און אויף מיר און מיין לעבן פאַרמעסט זיך.

עס טרעפט, די זון גייט אַוועק און באַהאַלט זיך אין שייד,
און די טויב הערט אויף וואָרקען איר תפילה,
עס צעשרייט זיך אַ גריל אין אַ חרובער מיל —
ער לייענט פון תהום די מגילה.

עס טרעפט, ס׳פאַלט אַ שטערן אַראָפּ, עס פאַרלעשט זיך זיין שפּור,
עס פאַרדעקט אים פון שאָטנס די הילע,
און אַ בלינדקייט פאַרלענדט זיין פאַרלאָזענעם טראָן —
עס מורמלט פון תהום די מגילה.

עס טרעפט, אַז אַ ווינט גיט אַ שפּיל מיט אַ בלאַט,
און די בלאַט פאַלט אַראָפּ און זי קען זיך נישט ווערן.
אין איר פלאַטער און שאָרך אויף די גראָזן די שטילע —
הער איך פון תהום די מגילה.

כ׳גיי דעם וואַלד אויף צוריק, די שטאַמען אַנטלויפן,
די נעמען פון פריינט שוין פאַרגעסן אפילו,
איך מיש די בלעטער מיט פאַרשווונדענעם כתב
און לייען פון תהום די מגילה.

אַ געפֿאַנגענע

כ'האָב איינגערעדט מיין מאַן
ער זאָל מיר געבן ברויט.
איצט שטיי איך אַ געפאַנגענע
אין מיינע רייד,

איך זע ער שלעפּט די וואָכן
ווי אַ קייט,
און איך שטיי אַ געפאַנגענע
אין מיינע רייד.

כ'האָב איינגעטרויט מיין מלאך,
אַז איך זינג אַ ליד,
און איך שטיי אַ געבונדענע
אין מיין געזאַנג.

עס האָט דער מלאך מיר באַוויליקט
מיט אַ בליק-געשאַנק,
און איך שטיי אַ געבונדענע
אין מיין געזאַנג.

כ'האָב איינגעטרויט דעם הימל,
אַז איך תּפילה טו,
און איך שטיי אַ געזונקענע
אין מיין געבעט.

דער הימל שיקט מיר טראָפּנווייז
זיין שמייכל און זיין גלעט,
און איך שטיי אַ געזונקענע
אין מיין געבעט.

כ׳האָב איינגערעדט מיין האַרץ,
אַז כ׳בין פון לאַנג שוין טויט,
און איך שטיי אַ פאַרווונדערטע
וואָס כ׳הער און זע.

עס שפּילט אין מיר אַ שטים
וואָס ענטפערט — יע און יע —
און איך שטיי אַ פאַרווונדערטע
וואָס כ׳הער און זע.

1960

צו זיך אַליין

כ׳שטיי אויף ביינאַכט ווי ס׳וואָלט מיך עמעצער גערופן.
איך מיין — איך בין די איינציקע וואָס וואַכט.
פאַרביי מיין פענצטער גייט אַ יונג דורך בגילופין
און כ׳הער ער רעדט צו זיך אַליין און לאַכט.

דער הימל ענטפערט נישט, נישט מיר, נישט אים.
אַ פייערלעכער שווייגט ער אין געהיים.
דער שיכור שטעלט זיין טראָט אַהער, אַהין,
ער וואַקלט זיך און טרעפט נישט צו זיין היים.

און איך קוק נאָך זיין גאַנג זיין קרומען.
ביידע גייען מיר צו זיך אַליין,
און ביידע ווייסן נישט וווּהין מיר וועלן קומען.

ביים ווינקל פון דער וועלט

עס שטייט ביים ווינקל פון דער וועלט אַ יונגע פרוי.
זי זינגט פון מאָרגנפרי און מאָרגנטוי.

זי זינגט פון פרילינג און פון בלומען־בלי,
פון ערשטן בליאַסק פון הימל אין זיין גלי.

זי זינגט פון אַנהויב ליבע און פון אָנהויב שיין,
פון האָניק־בוים וואָס טריקנט נישט און דאַרט נישט איין.

איך קום צו איר ביינאַכט ווען שיַין איז קאַרג.
איך טראָג די פינצטערקייט די גאַנצע אויף מיין קאַרק.

איך טראָג דעם זונפאַרגאַנג פאַרלאָשן אין זיין צער.
איך שלעפּ די ביטערקייט פון אָפּגעגאַרטן נאַר.

איך וואַקל זיך אויף צווייפלען פון געמיט,
צי כ׳בין געבוירן ווען, צי אפשר קיין מאָל נישט.

צי אפשר בין איך גאָר אַ וואַנדערדיקע וואָך,
פון אָנהויב־אָן ביז סוף פון יעדער זאַך.

און שרעק איז מיין באַגלייטערין און זינלאָזע געפאַר,
ווי ס׳איז דער גורל פון דעם אָפּגענאַרטן נאַר.

און ווען איך קום פאַרשווינדט זי מיט אַ זאָג:
בלייב דו און שטיי. פאַרבייט מיך ביז פאַרטאָג.

איך בלייב. איך שטיי ביים ווינקל פון דער וועלט,
פון אַלע אָנהויבן דעם שטראַליקן געצעלט.

איך זע דעם פרילינג און דעם בלומען־בלי,
דעם ערשטן בליאַסק פון הימל אין זיין גלי.

מײן מיטן־נאַכט

מײן מיטן־נאַכט
האָט אָפּגעבונדן זיך פֿון דער וועלט,
געזאָגט אַ גוטן טאָג צו דער זון,
און צו די שטערן אַ גוטע נאַכט.
בין איך געבליבן — איך און מיטן־נאַכט
מיט איר שפּראַך און געזאַנג,
מיט איר אײגענעם ליכט און געבאָט.
בין איך געבליבן — איך און מיטן־נאַכט
אַן מעסטונג פֿון צײַט,
אונטער שירעם פֿון אײביקן ראָד.

דאָרט, ווו דער טאָג האָט מיך געוואָרפֿן צו דער נידער,
האָט מיך אויסגעגלײַכט די מיטן־נאַכט.
זי האָט געזאָגט איר ויאמר
אין איר שטילקײט געהײמער,
און איך האָב אָמן געזאָגט.

מײַנע ווערטער אין פּלי און געפּלאָטער
זענען אַוועק צו די האָפֿנס פֿון טאָג.
איך ווײס נישט צו וועלכן געבלעטער,
איך ווײס נישט צו וועלכן געצווײַג —
געלאָזן מיך אַן עלנטע אַלײן,
און אַ פֿאַרעלטערטע אַלײן,
דעם טאָג אַנטקעגן און אַלײן,
צווישן זונאויפֿגאַנג און זונפֿאַרגאַנג,
ווי אין אַ שטײַג.

מסתּם וועט קומען די מיטן־נאַכט, מײַן רעטער,
מיט איר אײגענעם שירעם באַוואַכט,
און אויף געשפּאַנען פֿון זײַדענע בלעטער
מיך נעמען אין ראָד פֿון מיטן־נאַכט.

פ אַ ר ט אָ ג

פֿאַרטאָג, אַ צוויטשעריי פֿון פֿייגל
אַפֿילו אין שטיינערנעם ניו־יאָרק.
אויף אַ שטויביק פֿאַרוויכערטן צווייגל
שפּילט דער אָרקעסטער פֿון גאָט.

אַ טראָפּן טוי ווי נאָר וואָס פֿון בראשית
באַצירט אַ פֿאַרזשאַווערטן דראָט.
עס איז רו אין דעם הימל דעם בלויען.
באַלד וועט אַ פֿלייץ טאָן דער טאָג מיט שגעון
און מיר וועלן פֿאַרגעסן פֿון גאָט.

דערווייל שטייט אַ הונט אַ פֿאַרטראַכטער
בײַם אָפֿענעם טירל פֿון הויף.
די וועלט ער באַטראַכט אַ פֿאַרגאַפֿטער
און הערט זיך צו צום כי טוב.
עס איז רו אין דעם הימל דעם בלויען
באַלד וועט אַ פֿלייץ טאָן דער טאָג מיט שגעון
און פֿאַרפֿלייצן אין רויש דעם כי טוב.

1964

און אפשר נאָך שפּעטער...

אין מײַן סאָד האָט אַ שופֿ־געטאָן האַסטיק אַ העזל פֿון יעגער אַנטרונען.
פֿאַר שרעק האָט זײַן פֿעל זיך געכוואַליעט, געשפּליטערט,
פֿון ווײַט האָט געכריפּעט דער האָרן מיט טויטלעכן ברומען.
דאָס העזל און איך האָבן בײדע געציטערט.

בײַנאַכט האָט דאָס העזל געדרימלט אָן מורא דער מינדסטער
אין חלומות פֿון וועלדער וווּ ס׳גרייכט נישט דעם יעגערס געפֿאַר,
נאָר איך האָב געוואַכט אין דער נאַכט אין איר פֿינצטער,
איך האָב נישט קיין חלום פֿון וועלדער וווּ ס׳גרייכט נישט דער גזר.

אונטער שוץ פֿון דער גרויקייט באַגינען מײַן גאַסט איז
אַנטלאָפֿן אָן שאָדן,
געשפּרונגען אַ זון־פֿלעק געפֿינען צווישן גרינקייט פֿון בלעטער.
בײַ מיר איז געבליבן דער חלל מיט אימה באַלאָדן,
מײַן זון־פֿלעק איז ערגעץ באחרית הימים און אפשר נאָך שפּעטער.

1960

דער ווינט איז אַלט געוואָרן

דער ווינט איז אַלט געוואָרן.
די מעשׂיות וואָס ער ברומט מיט הייזעריקער שטים —
זיי זענען אומעטיק.
זיי וואַרפן מיך אַראָפּ פון באַרג,
און איך ווער אַ בעטלערקע אין טאָל.
דאָס גאָלד פון מיינע פּערל —
ווערט אַש־קאָליר.
דאָס טוט דער אַלטער ווינט,
וואָס רירט זיך אָן אָן מיר.

דער ווינט איז אַלט געוואָרן.
דער ניגון וואָס ער ברומט מיט הוילער שטים —
ער איז שרעקנדיק.
ער זעגט אַראָפּ די גרינקייט פון דעם וואַלד,
די זינגענדיקע גרינקייט פון אַמאָל.
מיין באַרגפויגל —
ער ווערט אַ פלעדערמויז.
דאָס טוט דער אַלטער ווינט,
וואָס עסט מיין האַרץ מיר אויס.

דער ווינט איז אַלט געוואָרן.
די סודות וואָס ער ברומט מיט שעפּטשנדיקער שטים —
זיי זענען טויטנדיק.
זיי לייקענען די קלאָרקייט פון אַ טרער.
זיי לייקענען די שבֿועה פון אַ בליק.
דאָס טוט דער אַלטער ווינט
טויב און שעפּטשענדיק.

נאָר צוויי־ען גלייבן נישט דעם אַלטן ווינט:
די בעטלערקע אין טאָל — אין אַש און שטויב,
און די לבֿנה אין דער הויך — די ווייסע, שטומע טויב.

צווישן טאָג און נאַכט

צווישן טאָג און נאַכט —
עס הענגט די וועלט אויף גרויעם סוף-ליכט.
די שויבן טונקלען זיך.
עס וואַיעט אַ הונט אומצופרידן מיט די שטערן.
עס ציט זיך אוים אַ שאָטנדיקע נעץ
און שאַרט אַוועק די דורכגעפאַלענע באַגערן.

דער טאָג איז מיד פון ליכט.
דאָס ליכט איז מיד פון מאַטער.
די פייגל ווערן בלינד.
מען הערט פון פליגל זייערע דעם צאַפּלדיקן פלאַטער.

צווישן טאָג און נאַכט —
עס הענגט די וועלט אויף גרויעם סוף-ליכט.
זי זוכט אַנטרינונג.

די ביימער וויקלען זיך אין שאָטנס
פאַרהוילן די געשטאַלטן
פאַר אַנטרינונג.

דאָס גראָז פאַלט צו צו דר'ערד
און טוליעט זיך צום חשך
פאַר אַנטרינונג.
דער טאָג איז אויסגעגאַנגען.
די זון אַנטלאָפן —
פאַר אַנטרינונג.

איך בין קיין זון נישט,
איך בין קיין בוים נישט,
איך בין קיין גראָז נישט —
און האָב נישט קיין אַנטרינונג.

עס וואַנדערט דער טאָג

עס וואַנדערט דער טאָג
און ווערט מיד פון זיין ליכט
ער לייגט אויף זיין געצייג
און ער דעמערט אוועק.
עס באַגלייט אים פון טורעם
פון גלאָקן דער קלאַנג
און אויף מערב די שרפה
פון זיין גאַנצן געווערק.

פון חלומות די שערבלעך
ער צעשיט ווי עס איז —
אויף אַ ראָג, אויף אַ צווייג,
אויף אַ בערגל פון מיסט.
עס קומען די שאָטנס
מיט בעטלערשע פּיס
און צעשלעפּן דאָס ברוכוואַרג
אין די טאָרבעס אומזיסט.

ער פאַרפאַקט זיך, דער טאָג
אין פאַרבאָרגענע היילן.
דאָרט שלאָפן די ריזן
זייער אייביקן שלאָף.
ער מאָנט דאָרט זיין פּלאַץ
ער מאָנט די פיר איילן
און פון דרימל עס ענטפערט אים
דער באַלעבאָס:
לייג אוועק זיך בשלום,
עס איז רחבות גענוג
אין דעם הבל הבלים.
דער גלאָקן-געקלאַנג,
אויב ער וועט נישט אָנטרינען,
וועט פאַרנאַרן דיך נאָך אַ מאָל
מאָרגן באַגינען.

איך האָב אויסגעטראַכט די רו

איך האָב אויסגעטראַכט די רו
און גערופֿן זי צו זיך:
רו מיר אָפּ די מידע פּיס,
רו מיר אָפּ מיין שווערן בליק
רו אָפּ די וואָלקנס אינדערהייך —
זיי זענען מידער נאָך ווי איך,
זיי בלאָנדזשען און זיי שלעפּן זיך.

און מיין אויסגעטראַכטע רו
ענטפֿערט מיר: איך בין נישטאָ.
אין גן־עדן כ׳בין געווען
גאָר אַמאָל אַ קורצע שעה.
עס האָט די גאָרע וועלט גערוט.
האָט מען מיך געהרגעט דאָרט
מיטן ערשטן טראָפּן בלוט.

ס׳פֿאַרשווינדט מיין אויסגעטראַכטע רו.
בלייב איך מידער נאָך ווי מיד,
די פּיס פֿאַראַנקערט אויפֿן דיל
און פֿאַרביי מיין שווערן בליק
מידע וואָלקנס שלעפּן זיך,
זיי זענען מידער נאָך ווי איך.

1964

פון מידקייט כ׳וואַרף אַראָפּ די שיך און זאָקן

פון מידקייט כ׳וואַרף אַראָפּ די שיך און זאָקן,
זיך אָפּרוען פון אַ פאַרטאַכליעווועטן טאָג.
עס הייבן אָן די פיס מיינע צו קלאָגן
מיט טרויער נאַקעטן, מיט שטומען זאָג:
וווּ־וווּ? וווּהין? נאָך וואָס?
די אויסדאַכטונג געיאָגט — איז זי צערונען.
די בלענדעניש געוויקלט ווי אויף שפּונען.
פון שטויב געוועבט פאַר העמד אַ פאָדעם.
ווי טוט אַזוינס אין עלטער דיינעם אַ בן אדם?

כ׳פאַרמאַך די אויערן, נישט הערן פון די פיס דעם דיבור.
צעפלאַמען זיך די אויערן מיט מוסרדיקן פיבער:
וואָס? וואָס? וואָס האָבן מיר געהערט?
געהערט אַ ברכה איבער אַ פוסטן כוס.
פאַרשוועכט די ערלעכקייט פון פראָסטן שטיקל גלאָז,
געהערט דעם רויש פון שוים און האָפן,
דער ווייַן איז אויסגערונען ביזן לעצטן טראָפּן.
אין דיין עלטער איז משונה
פאַרטויבן אין די אויערן די גאָט־געבענטשטע סטרונע.

כ׳וויל אויפהייבן די הענט, זיך שיצן קעגן צאָרן,
הענגען זיי ווי פרעמדע, ווי נישט מיט מיר געבאָרן.
זיי מורמלען מיט ברוגז:
צו וואָס איז אונדזער מי? וואָס טויג עס?
געגעבן שלום דעם און יענעם,
קיין שלום איז נישטאָ, די פינגער קלעמען.
און אין דיין עלטער, שוין קרוב צו אַ מאה —
ווי פּאַסט פאַר דיר די בלאָנדזשעניש אין תהו?

איך האָב אַ שוץ געזוכט ביי מיינע טרייע אויגן
אין מיין שפּיגל.
נאָר דאָרט געשטאַנען איז אַ מענטש אַ פרעמדער.
ער האָט געקוקט אויף מיר ווי אַ פאַרשעמטער —
ווי קומט אַ פרעמדער מענטש צו מיר אין שפּיגל?

בעטלער

בעטלער זיצן אין אַ ריי.
איך הער אַ ניגון — דעם אָרעמאַנס באַגלייטער.
איך גיי פאַרביי. ס'ווערט שווער מיין שפּאַן.
צווישן זיי אַ פּלאַץ אַ ליידיקער פאַראַן —
ווער ווייסט פאַר וועמען אַ געגרייטער.

די בעטלער דרינגען דורך פאַרבאָרגעניש פון מיין מחשבה.
די אויגן בליצן.
עס יאָגט מיך נאָך אַ וואָרט פון שפּאָט:
— ניט שרעק זיך, כ'בין אליהו הנביא,
און אויב וועסט זוכה זיין וועסטו נאָך לעם מיר זיצן.

עס טראָגט מיך אַוועק אַ ראָד פון שווינדער,
אַ הינקעדיקער פאַרשטעלט דעם וועג מיר מיט אַ שטעקן.
ער שמייכלט לוסטיק, ער גיט אַ פּלוידער,
די אויגן זיינע שטראַלן:
— ביסט הינקעדיקער נאָך פון מיר,
דו ביסט שוין הונדערט מאָל געפאַלן.

עס שטרעקט זיך אויס אַ האַנט.
אַ שטים איך הער: — גיב דיין פּרוטה.
פאַר מיין שוכן און מיין קליידן.
מיט מיר צוזאַמען וועסטו זיצן אין גן־עדן.
— גיב אַ פּרוטה.

איך פיל עס דינען נישט די פיס.
עס שלעפּט מיך אַ קייט און שליידערט אין זיגזאַגן.
אַ בלינדער רירט מיך אָן, נעמט אָן ביים קראַגן:
— ביסט בלינדער נאָך פון מיר.
עס זעט אַ שיין דער סגי נהור.
דו קענסט מיט אויגן אָפענע קיין שיין נישט זען,
און וואָס דו זעסט איז — שקר, שפּאָט און טרויער.

עס שווינדלט פאַר די אויגן.
איך שטעל זיך ביי אַ ראַג און צו אַ וואַנט איך לען זיך צו.
די בעטלער באַוויינען מיך, די קעפּ צו דר׳ערד געבויגן.
איך שטרעק אויס אַ האַנט און בעט אַביסל רו.

1962

מבול

פון מיין שוועל ביזן טיש איז אַ לאַנגער מהלך.
איך גיי און איך שטרויכל און אָפּטמאָל אַט פאַל איך.
איך קום צו צו מיין בענקל און זעץ זיך אַנידער.
דאַנק דעם בורא — דער טאָג איז פאַרביי, איז אַריבער.

איך האָב ווערטער געהערט, איך פאַרשטיי נישט דאָס לשון
אַזעלכע ווערטער געפּוצטע ווי די פּרות הבשן.
איך דערמאָן זיך אויך מיינע גערעדטע דיבורים
ווי אסתּר המלכּה אין שפּיל פון אַ פּורים.

עס קומט אונטער מיין קאַץ, גיט אַ מיאַו, אַ פּלאַפּל:
דו ווייסט נישט? עס זענען די טעג איצט פון מבול,
ס׳האָט מיר נח אַ רעטונג באַזאָרגט אין זיין תּבֿה,
גיב אַ שמיר דיינע ליפּן און לאָמיר גיין ביידע.

אָט איז זי די תּבֿה... מיין קאַץ איז דערשוווּמען,
נאָר מיר האָט געשטערט אויפן הוט מיינע בלומען.
איך קען נישט דערשווימען, איך בין נישט קאַפּאַבל,
זעט אויס, ס׳איז באַשערט מיר צו זינקען אין מבול.

1964

שולמית

די העכסטע בערג זענען נידעריק, נידעריק,
דער קלענסטער באַרג איז הויך.
אַזוי האָבן געזאָגט חכמים זיבעציק
און איך הקטנה אויך.

די העכסטע בערג זענען נידעריק, נידעריק,
איך שפּאַן זיי אַריבער מיט מיין בליק.
אַזוי האָבן געזאָגט חכמים זיבעציק
מיט טויזנט יאָר צוריק.

דער קלענסטער באַרג איז הויך גאָר אָן אַ סוף,
הויך און העכער גאָר אָן אַ שיעור.
ס'האָט דאָרט שפּאַצירט שולמית מיט איר שאָף
און זיבעציק חכמים נאָך איר.

זיי האָבן פאַר איר די חכמה אויסגעטראַכט.
דאָס ליד פון לידער פאַרפאַסט.
זי האָט דעם קליינעם באַרג אַזוי הויך געמאַכט,
ווי פאַר איר האָט געפּאַסט.

איך בין אַזוי מקנא איר,
איר שיינקייט פאַרגייט נישט און בליט.
און טאַקע דאָס, וואָס חכמים זיבעציק
זענען נאָכגעגאַנגען אירע טריט.

1959

אויף דער פּאַפּירענער בריק

איך גיי זיך היינט פאַרדינגען פאַר אַ דינסט־מויד,
אויב מען וועט מיך וועלן אָנדינגען.
האָב איך אַ זיידענעם שלייף אויף מיין הויב —
און דאָס איז נישט קיין מעלה פאַר אַ דינסט־מויד —
אויב מען וועט מיך וועלן אָנדינגען.

און דערצו טראָג איך לאַקירענע שיך —
און דאָס איז נישט קיין מעלה פאַר אַ מויד אין קיך —
אויב מען וועט מיך וועלן אָנדינגען.

האָט מען מיר געזאָגט מיט אַ ליבלעכער מינע:
גיי געזונט, זיי אַ דינסט ביי אברהם אבינו.

בין איך געגאַנגען צוריק
אויף דער פּאַפּירענער בריק
וווּ צדיקים שטייגן —
און ווי זיי קומען דאָרט, און ווי זיי גייען דאָרט
איז אַ סוד, און זיי שווייגן.

גיי איך זיך פאַרדינגען פאַר אַ שניידער־האַנט,
אויב מען וועט מיך וועלן אָנדינגען.
איז מיין בליק אַביסל צעשפּאַנט —
און דאָס איז נישט קיין מעלה פאַר אַ שניידער־האַנט —
אויב מען וועט מיך וועלן אָנדינגען.

און דערצו טראָג איך אַ בייטשל פון אַלטע פּערל —
און דאָס איז נישט קיין מעלה פאַר נאָדל און שערל —
אויב מען וועט מיך וועלן אָנדינגען.

האָט מען מיר געענטפערט איידל, פאַמעלעך:
גיי ניי די בגדים ביי דוד המלך.

בין איך געגאנגען צוריק
אויף דער פאפירענער בריק
ווו די צדיקים זינגען זמירות
און דאס ציגעלע דאס ווייסע האט א פאדעם געשטריקט
און געלייגט אויף מיינע זאקן די צירעם.

גיי איך זיך פארדינגען פאר א שטערן-פוצער —
אויב מען וועט מיך וועלן אנדינגען —
קען איך נישט ארויסריידן קוצעניו-מוצע —
און דאס איז נישט קיין מעלה פאר א שטערן-פוצער —
אויב מען וועט מיך וועלן אנדינגען.

און דערצו בין איך געראטן אין מיין באבע
און קען נישט טאנצן די לעצטע מאדע —
אוי, אויב מען וועט מיך וועלן אנדינגען.

האט מען מיר געזאגט דעם שיינע-מארינע
און אפגעשיקט וויינען מיט רחל אמנו.

בין איך געגאנגען צוריק
אויף דער פאפירענער בריק
ווו עס שווייגן די צדיקים.
און וואס איך האב געהערט, און וואס איך האב געזען
איז פארשריבן אין די נוטריקין.

איינמאָל...

איינמאָל וועל איך זיין די מלכה שבא.
איך וועל נישט גיין צופוס —
מען וועט מיך טראָגן.
און אפשר וועט קומען עמיצער מיט גרוס
און וועט אַוועקלייגן אַ בלימל אויף מיין וואָגן.

כ׳וועל זיך נישט קימערן, איך וועל דאָך זיין די מלכה שבא,
און כ׳וועל ביים קלוגן מלך רעטענישן פרעגן:
וואָס איז דאָס פּאַר אַ שפּיל אַזאַ: אָטאָ געווען און אָט ניטאָ?
וואָס איז דאָס פּאַר אַ וועג אַזאַ ווו ס׳פירן אַלע וועגן?

און ס׳וועט דער מלך אָנטאָן אויפן קאָפּ די קרוין,
ווייל מיט דער קרוין דער קאָפּ ווערט צען מאָל קליגער,
און קעניגלעך מיר ענטפערן מיט חסד און מיט חן:
אַ, מלכה שבא, איך בין געווען אַ קעניג און אַ קריגער,
איך האָב געקענט פון פייגל און פון חיות זייער שפּראַך געהיימע,
פון ערד געוווסט די טיפסטע אינגעווייידן,
נאָר אָט די רעטעניש די איינציקע, די איינע,
געליבטע מלכה שבא, אַפילו אַ געקרוינטער האָב איך נישט
געקענט באַשיידן.

און דעמאָלט כ׳וועל מיט גרויסער פרייד
אין הימל מאַכן מיין באַשערטן גאַנג,
און זיך דערוויסן דעם באַשייד
פון אָט דער רעטעניש וואָס טוט מיר באַנג.

ווייל דאָרט דאָס מלאכל דאָס מינדסטע
וויים אַלע סודות די געהיימע,
און קען פאַרענטפערן די קשיות די שווערסטע און די דינסטע,
וואָס ט׳נישט געקענט אַפילו דער געקרוינטער מלך שלמה.

ווידויים

קיין לידער שרייב איך ניט —
איך זאָג ווידויים.
די ווערטער שטאַמלען,
זיי האָבן ניט קיין אָנלען אויף צו רוען.

קיין צווייג קיין טרוקענע אפילו,
קיין פלויטל, קיין שפּאַרע.
זיי בלאָנדזשען אין תהו,
אין חלל, אין כמאַרע.

דערהערן די כרובים
און הייבן אָן שרייען:
אַן אשה ווידוי זאָגט —
שמעו שמים, שמעו שמים.

זאָגט דער שר איבער זיי:
ניטאָ פאַר איר קיין שום מיטל,
ניט קיין היץ, ניט קיין שניי —
סיידן גראַמען אַ קוויטל.

פאַראַן חולאים — מסוכן,
אַ באַזונדערער שטאַם,
אַ רחמנות צו קוקן,
יוען עס פעלט זיי אַ גראַם.

האָבן כרובים באַדויערט
און געגאַרט מיך צו שיצן,
און די גראַמען געמויערט
מיט זאַפּרען און בליצן.

און געקומען באַלאַדן,
אויף די פליגל צעשטראַלטער באַגאַזש,

געבראַכט דעם קוויטל פון גנ־עדן,
אַנטיקן, צפּיחת בדבש.

האָבן שורות געיובלט, גערומלט
ווי פייגל אויף צווייגיקע שטאַמען,
און איך ווער זייער צעטומלט
אין אַנפלוס פון גראַמען.

האָב איך געשטאַמלט: אייער חסד איז גרויס,
רחמימדיקע פון הימל בלויעס,
נאָר כ׳האָב ניט קיין שרייבטיש אין הויז,
איך זאָג ווידויים.

צום מלך שלמה קומט די הערלעכע שולמית

צום מלך שלמה קומט די הערלעכע שולמית —
אַ רויז פון שרון אירע צעפּ באַצירן.
זאָגט דער מלך צו דער הערלעכער שולמית: —
ווי קומסטו דאָ אַהער פון שיר השירים?

מיט טרערן וויינט די הערלעכע שולמית,
פון טרויער בייטן זיך אין פּנים די קאָלירן: —
גרויסער מלך, נעם מיך דאָ אַהער,
איך קען נישט אייביק זיצן דאָרט אין שיר השירים.

מען האָט מיך שוין באַזונגען ווי ס׳איז נאָר אַ פידל דאָ,
ביי אַלע טייכן און ביי אַלע ברעגן,
און צו דיר קומט שטילערהייט די מלכה שבא
און טוט דיך אירע טריפה רעטענישן פרעגן.

לאַכט דער מלך שלמה: — הערלעכע, איך וויל דיך נישט פאַרפירן,
דו ביסט די שענסטע פיטערין אויף בערג און טאָלן,
און אייביק מוזסטו זיין אין שיר השירים.
דאָס איז דער פרייז וואָס דאַרפסט פאַר שיינקייט צאָלן.

דאָס ליד פון דרום־ים

א זייגער פינף פאַרטאָג
שטייט אויף דער פריילעכער מאַן.
ער זינגט דאָס ליד פון דרום־ים —
פון אַ ווייסער שיף ווי אַ שוואַן
וואָס האָט געבויט דער סולטאַן
פאַר זיין געליבטער שואין־שאַן
מיט טויזנט יאָר צוריק.

אַ שיינהייט איז געווען די שואין־שאַן.
זי האָט אַ פּערל פאַרלאָרן ביים דרום־ים
מיט טויזנט יאָר צוריק.
זוכט דעם פּערל דער פריילעכער מאַן —
דעם פּערל פון דער שיינער שואין־שאַן,
וואָס זי האָט פאַרלאָרן ביים דרום־ים
מיט טויזנט יאָר צוריק.

מיט אַ גאָלדענעם בעזעם פון אַ ציפּרוס־בוים,
מיט אַ שטעקן פון ווייסן העלפאַנט־ביין
קערט די שטיגן דער פריילעכער מאַן.
ער בענקט נאָך דער שיינער שואין־שאַן,
וואָס האָט שפּאַצירט דאָ ביים דרום־ים
מיט טויזנט יאָר צוריק.

וויינט דאָס ווייב פון דעם פריילעכן מאַן
און מיט טרערן זי רעדט און זי בעט —
זינג נישט דאָס ליד פון שואין־שאַן,
וואַרף אַרויס זיך דאָס ליד פון געדאַנק.
איך וועל דערטרינקען זיך אין דרום־ים,

ווייל דאָס ליד וואָס דו זינגסט פון שואין־שאַן
מאַכט מיין הארץ מיר פארביטערט און קראַנק.

נאָר עס הערט נישט דער פריילעכער מאַן
דעם געוויין פון זיין ווייב און איר קריג.
ער זינגט דאָס ליד פון שואין־שאַן,
וואָס האָט שפּאַצירט דאָביים דרום־ים
מיט טויזנט יאָר צוריק.

ס׳איז גוט...

ס׳איז גוט וואָס עס שפּילן זיך קינדער און לאַכן —
ס׳איז דער האָניק פון טאָג.
זיי ריידן אויף הונדערט און זיבעציק שפּראַכן
און יעדער פארשטייט זייער זאָג.

ס׳איז גוט וואָס יינגלעך און מיידלעך זיך קושן,
ס׳איז די פידל פון טאָג.
דער ניגון פאַרוועבט אַלע דערנער מיט פּליושן
און אַ בלויקייט דעקט צו פון מצבות דעם קלאָג.

ס׳איז גוט וואָס עס זאָגן די זקנים דעם תהילים —
ס׳איז די חכמה פון טאָג.
נישט זיי ווילן זיך קושן, נישט זיי ווילן זיך שפּילן,
און ס׳לויכט זיי די זון פון דעם געטלעכן זאָג.

נאָר דערפאַר מוזן אַלע זיי טראָגן פאַנטאָפל,
כ׳האָב נישט ליב אָט דעם שוך,
אַן אָפּצאַסן, אַן סקריפּקעס — זיי זעען אויס שפל.
כ׳טו זיי אָן, און דעם תהילים איך זוך.

דאָס ליד לולאַי

איך בין פאַרקויפט צו זינגעריי,
און ווען אַ האָגל אויף מיין דאַך נעמט שלאָגן,
און פויקט, און קלאַפּט, און נאָגט, און צאָגט —
הייב איך זיך אויף באַגין־צו־טאָגן,
נעם מיין געצייג און מיין לוין
וואָס זענעןביידע ווערט צוזאַמען צוויי גילדוין
און זינג אַ ליד לולאַי
ווי ס׳וואָלטן קלעזמער דאָ געווען דערביי.

איך בין פאַרקנסט צו קורצער שורה,
און ווען מיין פענצטער איז פאַרהאַקט און כמורע,
מיין טיר פאַרוויסט אַז ס׳וויל אַפילו דאָרט אַ קאַץ ניט ליגן,
כאַפּ איך זיך אויף ביינאַכט אַזייגער דריי,
נעם מיין געצייג און מיין לוין
וואָס זענען ביידע ווערט צוזאַמען צוויי גילדוין
און זינג אַ ליד לולאַי
ווי ס׳וואָלט דער מאָרגנשטערן דאָ געשיינט דערביי.

איך בין געגירט אויף אַלטן ניגון.
און ווען עס זשומט אַרום אַ זשומעריי,
אַ לעסטעריי, באַרימעריי, אַ כאַפּעריי —
פאַרשפּיליע איך די קנעפּלעך גאַנץ געטריי,
גיב אַ נעם מיין געצייג און מיין לוין
וואָס זענען ביידע ווערט צוזאַמען צוויי גילדוין
און זינג אַ ליד לולאַי
ווי יעקבס לייטער וואָלט געשטאַנען דאָ דערביי.

מיינע שטעק־שיך

מיינע שטעק־שיך אונטערן בעט,
אַלטע אָפּגעטראָגענע טשאַפּוּעס,
זיי האָבן פּופציק יאָר געשוויגן,
איצט האָבן זיי פאַרפירט אַ שמועס,
זיך צערעדט:
מיר זענען מיד פון דעם געיעג, פון דעם געוועט.
עס זענען די פּאַדעשוועס אויסגעטראָטן.
פאַרריכטן קען מען נישט, עס איז שוין שפּעט.
מיר קאָנען זיך שוין נישט דערמאָנען
פאַרוואָס מיר האָבן זיך געוואָטן,
און צוליב וואָס געווען איז דער געוועט.
דער רעכטער פוס פאָרויס געלאָפן,
דער לינקער האָט אים נאָכגעיאָגט מיט האסט.
וואָס איז געשען? וואָס האָט אַזוינס געטראָפן?
צו וואָס האָט דער געיעג געפּאַסט?

דער שוסטער וואָס האָט אונדז גענייט,
געווען אַ ייִד אַ חכם, אַ פילאָסאָף.
ער האָט די דראַטווע מיט חכמה געדרייט,
די טשוועקלעך פלעגט ער קלאַפּן קרום דאָס רוב.
ער האָט זיין באָרד אַזוי קלוג געגלעט,
ער האָט אפשר געוווּסט דעם סוד
פון דעם געוועט.
ער פלעגט זאָגן:
נישט אַלץ אויף אונדזער וועלט איז נויטיק,
נאָר שטעק־שיך אַלע מאָל.
אַפילו דער קייסער אַז ס׳כאַפּט אים אָן אַ וויטיק,
דערלאַנגט מען אים די שטעק־שיך קודם כל.

די באַלעבאָסטע אונדזערע אַ נאָר פון די נאַראָנים,
אַ שאָד וואָס מיר זענען צו איר פאַרפאָרן.
אַן אוגערקע אַ זויערע איר פנים,

זי זיצט און שטויבט די אַלטע ספרים.
אַליין קיין שׂכל האָט זי נישט,
זי גייט כסדר פרעגן —
וואָס האָט געזאָגט שפּינאָזע,
וואָס האָט געזאָגט דער מלך שלמה,
פון די חכמים דער גרויסער האַר,
עס העלפט איר נישט —
זי שפּרינגט צווישן שמות ווי אין קרויט אַ קאָזע,
און איז געבליבן אַלץ דער זעלבער נאַר.
זי שליאָפּעט באַדערנאַכט און ציילט די שטערן,
ווי זי וואָלט זיי פאַרקויפן אויפן קוואַרט.
אַ טיפּשות אָט אַזאַ, מען זאָל באַשירעמט ווערן,
נאַר וועגן איר איז נישט כדאי דאָס וואָרט.

איך ליג מיט קאָפּ-ווייטיק און הער מיין שבח
פון מיינע שטעק־שיך אונטערן בעט.
עס העלפט מיר נישט מיין ברוגז,
עס העלפט נישט קיין שום זאַך,
נישט זיי, נישט איך פאַרשטייען דעם געוועט.

צינד אָן דיין ליכט

צינד אָן דיין ליכט

כ׳בין אפשר די לעצטע פון מיין דור.
ס׳איז ניט מיין זאָרג.
ניט איך פאַרגרייט פון צייט די זאָמען.
מען האָט מיין טאָג, מיין איינציקן
געגעבן מיר אויף באָרג,
און כ׳וויים ניט ווען מען וועט צוריק אים מאָנען.
צו זעכציק יאָר, אָדער צו זיבעציק...
מען האָט מיר אָנגעזאָגט:
דו ביסט ניט איבעריק.
דיין טאָג, דיין איינציקן זאָלסט ניט פאַרלעצן.
ער איז דיין היינט, דיין נעכטן און דיין תמיד.
ביי וועלכן טיש מען וועט דיך זעצן
צינד אָן דיין ליכט און שטעל דיין עמוד.
און אויך דיין ליכט האָט מען געגעבן דיר אויף באָרג.
ביסט נישט דער לעשער און נישט דער צינדער.
צי ס׳איז אַ העלער טאָג,
צי ס׳איז אַ חושך־שלאַק אַ בלינדער,
צי ס׳איז די גוטע רו, צי ס׳איז אַ געוויטער,
ס׳איז ניט דיין זאָרג —
צינד אָן דיין ליכט און זיי זיין היטער.
דיין פלעמל איז אין קרייז פון ליכטער.
דו ווייסט ניט ווו און ווער ס׳האָט אים געצונדן.
און אַז עס ברענט דיין ליכט מוזסטו פון פייער
טראָגן אויך די שיין און אויך די ווונדן.

און אפשר איז ניטאָ קיין דור, קיין לעצטער.
כ׳בין ניט קיין גאָלדשמיד וואָס שמעלצט אַ קייט
ביים אייזנפעסטער:
אָט האָט ער שוין געמאַכט דעם לעצטן רונג,
אָט גייט ער שוין אַהיים צו זיך אין צימער,
אָט עסט ער שוין זיין ברויט און טרינקט זיין טרונק,
אָט האָט ער שוין זיין קייט פאַרענדיקט
אויף אייביק און אויף אימער.

אַ דור פון תהו

אַ דור וואָס האָט געזען דעם הימל פאַלן.
די זון האָט פינצטערנישט געזופּט,
און אויפן סיני האָט מען אויפגעשטעלט די טמא־שטאַלן.
אַט ביי דעם טיש אַט דעם צעבראָכענעם, צעקרימט, צעלאָמעט,
צינד אָן דיין ליכט.
און אויף דער וואַקלדיקער ערד שטעל אויף דיין עמוד,
צינד אָן דיין ליכט.
ביין צו ביין, און אָדער צו אָדער,
טרער נאָך טרער, און שפּליטער אויף שפּליטער —
ס׳איז נישט דיין זאָרג.
צינד אָן דיין ליכט און זיי זיין היטער.

1963

ד אַ כ ט ו נ ג

מיין טאָג איז טויזנט טעג,
די נאַכט איז לאַנג ווי ווייט דער חושך קען זיך שפּרייטן,
און טויזנט פינצטערנישן זענען אין נאַכט באַהאַלטן.
זיי כוואַליען זיך —
געשטאַלטן אויף געשטאַלטן.

מען קלאַפּט אין טיר.
איך עפן — עס שטייט ניט קיינער.
איך בין אַליין דער שומר
פון חרובע בנינים,
פון ליכט געצונדענע וואָס האָבן זיך פאַרלאָשן.
עס פלעמלט נאָך אַ פלאַם,
און ס'רעדט צו מיר אַ לשון —
אַ היימיש לשון,
און אַט־אָ איז עס שוין פאַרלאָרן.
איך כאַפּ אַ לעצטן קלאַנג.
ס'איז תּקיעה, תּרועה, שברים.

איך גיי צוריק, בלייב שטיין אין שטוינונג.
וואָס טו איך דאָ?
ס'איז נישט מיין וווינונג.
נישט אַנדערש כ'האָב פאַרבלאָנדזשעט אין אַ טאָג
פון מיינע טויזנט טעג,
אין אַ חלל אַן אומבאַקאַנטן.
כ'פאַרמאַך די אויגן.
כ'בין אין אַ מדבר פון זאַמדן,
עס גייט פאַר מיר אַ זייל פון פייער,
און אַ זייל פון רויך.
כ'בין ערגעץ נידעריק,

און ערגעץ זייער הויך.
מען רופט מיך ביים נאָמען,
און כ׳בין צוריק ביי מיינע חרובע בנינים.

צי איז עס פון אמאָל, צי היינט?
עס זענען ביי מיר אויסגעמישט די תחומים.
איך גיי צו טאָג וואָס איז נישט טאָג
און איז נישט נאַכט,
דורך טויזנט טעג פון בלאָנדזשעניש
איך וועל נאָך אפשר צו אים קומען.

1963

דאָס ליכט פון דיין טיש

(ביים טאַטנס מצבה)

כ׳האָב געזינדיקט פאַר דיר.
כ׳בין פאַרנומען,
פאַרשוומען
מיט געשלעג,
מיט געיעג,
מיט וויר־וואַר,
און מיט צער
און אָפט מאָל אַפילו מיט בלומען.

כ׳האָב געזינדיקט פאַר דיר.
צו דיין פאַרחתמעטער טיר
כ׳בין שוין לאַנג, אַזוי לאַנג
נישט געקומען.
פון ווייט, גאָר פון ווייט,
לעם דיין שטיין ביי דער זייט
כ׳זע די ווערבע די קליינע.
זי גרינט. זי איז שטיל ווי דער שטיין.
ווי דער שטיין אַ געהיימע.

דאָרט רוט ווי אַ גרעזל מיין בענקען.
אין געוויי,
אין פאַרדריי
פון צעטומלטן טאָל
איך פאַל יעדן טאָג
זיבן מאָל, נאָך אַ מאָל,
ווי אַ שיכור לעבן אויסגעדאַכטע שענקען.

ביינאַכט,
גאָט קערט מיר אום מיין נשמה.
כ׳זע דאָס ליכט פון דיין טיש,
דיין האַנט אַ פאַרטראַכטע
אַ בלאַט גיט אַ מיש

אין ספר מיט אוראַלטע ראָגן.
כ'שטיי לעם דיין אַקסל געבויגן.
כ'בין אַן אַנדערע איצט, כ'בין אַ צווייטע.
אַט באַלד וועסטו זאָגן:
גיי שלאָפן, מיין קינד, ס'איז דיין בעט אַ געגרייטע.

ס'איז אַ רגע — כ'בין אין רו פון אַ היים.
נאָר אַט איז דיין נאָמען געקריצט אויף אַ שטיין.
ס'שטייט די ווערבע די קליינע.
עס שיינט נאָך דאָס ליכט פון דיין טיש.
ס'איז די שיין אַ געהיימע.

1963

מדבר־קלאָג

ס׳איז דער ספק — מיין היים,
און דער צווייפל — מיין באַגלייטער.
ס׳איז דער מדבר — מיין ווייַנגאָרטן,
און דאָס פאַלן — איז מיין לייטער.

ס׳האָט דער מדבר דערציילט מיר זיין מדבר־קלאָג
און געשוואָרן ס׳איז וואָר.
צי קען איך גלייבן דעם מדבר זיין מדבר־זאָג,
אַז איך גלייב נישט די אייגענע האָר.

ס׳איז אַ באַרג געווען,
האָט אַ בליץ ווי אַ האַק אים אַ האַק געטאָן
און פאַרטראָגן דעם באַרג אויפן בליציקן קאַרק
אין אַ תהום.

נאָר דער שאָטן פון באַרג איז געבליבן,
מיט זיין קוואַל, מיט זיין גרין,
מיט געצעלטן און האָפן,
און דער שאָטן פון באַרג איז אַ באַרג,
און ער גרינט אין אין־סופן.

בין איך אפשר די —
וואָס איך וווין אויפן באַרג אויפן שאָטן
ס׳איז מיין וויגל נישטאָ,
מיין געבורטשטאָט אין רויכן פאַרלאָפן.
בין איך אפשר די —
וואָס איך וווין אויפן באַרג פון אין־סופן.

עס זענען נעמען פאַראַן וואָס איך קען נישט דערמאָנען
זיי פלאַמען און צאַנקען ביי מיר אויף די ווענט.
עס איז אפשר דער הימל אַ צודעק פון תהומען
און נישט מער ווי אַ דאַכטונג, אַ בלענד.

ס'האָט דער מדבר דערציילט מיר זיין מדבר־קלאָג.
ס'איז אריין אין מיין יעטווידן גליד.
ס'איז אפשר אַ ווידערקול,
אַ ווייאיקער ווידערקול
פון די ספקות אין נעכט ווען עס שלאָפט נישט אַ ייִד.

אַ שמועס מיט זיך

בייג איין דעם קאָפּ,
פאַרשטעל די אויגן מיט אַ שמייכל.
די קראָ וויל נישט אָוועקפליִען פון דיר.
זי האָט אַ נעץ פאַרצויגן אויף דיין האַרץ און שכל
מיט שווערע פליגל פון פאַרוויר.

נישט פאַל.
האַלט איין פון קני דעם ציטער.
וואָס ס'זאָל נישט זיין —
נישט פאַל.
עס וואַכט נאָך איבער דיר דער היטער,
האַלט איין פון קני דעם שטרויכל
און נישט פאַל.

די קראָ האָט איבער דיר געבויט איר נעסט.
זי אָטעמט מיט דיין אָטעם.
דיין טראָט זי מעסט.
נישט פאַל,
האַלט איין דעם שמייכל אויף דיין פּנים —
די לעצטע שוץ אַנטקעגן שפּאָט.
נישט פאַל,
עס ווילן די חכמים און נאַראָנים
אַ שטופּ טאָן דיך צום לעצטן אָפּגרונט פון פאַרפאַל.

בייג איין דעם קאָפּ,
באַשירעם דיינע אויגן.
עס וועט די קראָ זיך אָפּשיידן פון דיר,
ווען נאָכן מבול וועט דער רעגנבויגן
די גרינע בלאַט פאַרפלאַנצן ביי דיין טיר.

1963

עס איז אַ וווּנדער אויב מען זעט עס ניט

עס טראָגט יעדערער אַ פאָדעם ליכט
אויף אָנצינדן די זון איבער זיין טאָג,
אויף צוזאַמלען אין נאַכט זיין קרישל חלום.
עס איז אַ וווּנדער אויב מען זעט עס נישט —
עס איז נישטאָ ביי מיר קיין פאָדעם ליכט
און עס איז מיר גלייך
דער מדבר און דער פרישער טייך,
דער שטראַל פון זון און אָן אים.

ווער בין איך איצט?
געשליידערט אויף די עוועניוס פון רעש —
כ'בין סתם אַ געשטאַלט.
עס איז אַ וווּנדער אויב מען זעט עס נישט,
איך בין אַ פונק
אויף אויסגעברענטן אַש.

און ווען איך קלאַפּ אָן אין אַ טיר,
און קום אונטער אַ דאַך,
און פרעג אויפן געזונט,
און ס'גאַנצע טרויעריקע לעבנס-צערעמאָניע מאַך,
און ס'דאַכט זיך אַלעמען און מיר אַליין
אַז איך בין דאָ —
איז עס אַ וווּנדער אויב מען זעט עס נישט,
איך בין אַן אויסגעבאָרגטע אויף אַ שעה
פון מיין פאַרשווונדענער יסורימדיקער היים.

און אפילו אויף דער אויסגעבאָרגטער שעה
איז אויך ביי מיר קיין פאָדעם ליכט נישטאָ.

1947

כ׳דערגייַ מיין שמאָלע גאַס צום ענד

כ׳דערגייַ מיין שמאָלע גאַס צום ענד,
דער פלויט אין זשאַר פאַרנאַכטיקן דערברענט.
אַז אפשר וואָלט ער מיט מיר חסד טאָן,
מיך איינזאַמלען אין דומם־תהום,
און איך וואָלט אויך אַזוי ווי ער דערברענט —
תמימותדיק אַזוי־אַ שטיין,
אין אַ פאַרנאַכטיק־ליכט־פאַרגיין.

מסתם איז ווויל,
אַן יידן־פראַגע און אַן גרויל
אַזוי אַ שטיין
אין אייביק גאַפנדיקן יאָ און ניין.

כ׳דערגייַ מיין שמאָלע גאַס צום ענד,
אַ פייערפלעק אין גלי דערברענט.
אָ, אפשר וואָלט ער חסד טאָן צו מיר,
מיך איינזאַמלען אין אויסדאַכטונג פון אַ קאָליר,
און איך וואָלט אויך אַזוי צערונען און צעתהומט
אין פייערפלעק פון האָריזאָנט.

מסתם איז ווויל,
אַן יידן־פראַגע און אַן גרויל
צערונען ווערן און צעתהומט
אין פייערפלעק פון האָריזאָנט.

1947

אין די בערג

בערג מיט שניי אויף די הארבעס
ווי סטאַדעס בופלאָקסן דרעמלען
פון אייביקן אייביק ביז היינט.

די תהומען ווי מיינע חלומות
חושכן, פאַלן און ווימלען,
אפילו ווען עס זונט און עס שיינט.

אַ הירש פון צווישן די דערנער
אַ שפרונג געטאָן הויך און פאַרשווונדן.
ווי אַ לעצטער געווען איז זיין שפרונג.

ס׳האָט מיין וויטיק מסתּם אים געטראָפן,
אַ שפליטער פון אונדזערע וונדן,
פון אונדזערע שריפות אַ פונק.

אויף אַ באַרג איז אַ שאָטן געקומען
אַ נאָענטע געשטאַלט מיר דערמאָנען,
זיך אַ וויג געטאָן עלנט און לאַם.

זענען בערג זיך צעפאַלן, צערונען —
כ׳האָב אַ שאַרך נאָר געהערט און אַ נאָמען
און איך בין געבליבן ביים תהום.

1952

ליבשאַפֿט

אַ ווייסע נאַכט אַזאַ.
די ווייסקייט איז די ליבשאַפֿט —
פֿון גן עדן.
איך בין דער קרוג
וואָס דאַרף די ליבשאַפֿט שעפֿן.

און זי איז שווער.
איך גיי אַ גאַנצן טאָג
די ליבשאַפֿט צו פֿאַרטיילן
און זי איז צער.
איך פֿאַל —
און קען די אַנגסטן נישט פֿאַרהיילן.

אַ ווייסע נאַכט אַזאַ.
אַ שטיקל וואָלקן
ווי אַן אָפּגעבראָכענער פֿליגל.
דאָס איז מיין רייטוואָגן,
געקומען נעמען מיך,
אין ליבשאַפֿט זיך פֿאַרוויגן.

דער טאַטע רופֿט צו מיר
און זאָגט מיר: קינד.
און אַלע לאַסטן פֿאַלן אָפּ.
די ווייסע נאַכט פֿון ליבשאַפֿט
איז אין מיר —
איך בין ביים טויער
פֿון גן עדן.

1952

מיין שטוב אַן אכסניה

אין מיין שטוב הענגען בילדער —
מיין ברודער, זיין ווייב און זיין קינד —
פאַרטיליקט אין פוילן.
מיין שטוב איז אַ מאָדנע אכסניה
פאַר קדושים און אבלים.

דער טיש אַ באַדעקטער מיט שאָטן,
מען גרייט זיך צו מאַלצייט.
עס שימערן כלים.
מיין מאַן זיצט פאַרשוויגן און שמייכלט,
ווי עס שמייכלען אבלים.

זיין טאַטע, די מאַמע, די שוועסטער,
משפחות, ווי ביימער צעצווייגטע —
פאַרטיליקט אין פוילן.
אונדזער שטוב איז אַ חושך־אכסניה
פאַר קדושים און אבלים.

מען הערט נישט קיין שאָרך.
נישטאָ קיין פרייד צו דערציילן.
עס הילכט נישט קיין טראָט,
ווען אפילו מען גייט אויפן דיל.
אין יידישע הייזער־אכסניות
פאַר קדושים און אבלים —
איז פאַרשוויגן געוואָרן די וועלט,
עס איז שטיל.

1947

געזען ערשט־אַ נעכטן...

איך האָב עס געזען ערשט־אַ נעכטן,
צי אפשר גאָר היינט אין דער פרי,
אָדער עס איז גאָר אַ חלום
אַ פאַרבלאָנדזשעטער פון אַ נישט־הי.

אַ רויז פלאַמט מיר אויף פאַר די אויגן,
צעפליקט פון דעם רעגן אין האַרבסט:
דו האָסט פון מיין בליִונג געזויגן
און דו שטאַרבסט נישט מיט מיר ווען איך שטאַרב.

האָסט גענומען מיין שימער פון בלעטלעך,
געאָטעמט מיין דינעם גערוך,
און געפוצט דיינע גראַמען און פשטלעך
מיט מיין טויט אונטער האַרבסטיקן פליוך.

די רויז פון מיין בליק איז פאַרשוווּנדן,
נאָר דער רוים מיט איר פאַרב איז געפאַרבט.
און איך פיל ווי זי האָט מיך פאַרבונדן
צו אַ ווידוי פון איינעם וואָס שטאַרבט.

ס׳קומט אַ ייִד קוים ער פאָכט מיט די לונגען
און ער קוקט אין די אויגן מיר שטאַר:
איך האָב זיך מיט דיר נישט באַדונגען,
אַז דו זאָלסט פאַרקויפן מיין צער.

מיין טרער קען דיין וואָרט נישט דערלייזן,
מיין פיין קען נישט לעשן דיין זאָג...
עס פאַרוויקלען אים פינצטערע קרייזן
און איך הער פון דעם חושך זיין קלאָג.

ער פאַרשווינדט און איך בלייב אַ געפּלעפּטע.
ווער איז דער וואָס זיין מוסר איז האַרב?
און איך פיל אַז איך בין אַ באַהעפטע
מיטן ווידוי פון איינעם וואָס שטאַרבט.

1963

איך בין אַ ווידערקול

איך בין אַ ווידערקול
פון אַ פאַרשוווּנדענעם אָרקעסטער.
ס׳איז אַ וווּנדער מיין שטים,
צי ס׳איז תּפֿילה, צי לעסטער.

עס באַווייזט זיך אַ פֿידלער,
ער זאָגט: כ׳בין פֿון נעכטן.
ער הייבט אויף זיין פֿידל —
זיינע פֿינגער די בלייכע:

אָט באַלד וועל איך שפּילן
דעם זמר געדעכטן —
וואָס מען האָט געשפּילט
ביי די ווענט פֿון יריחו.

אָט באַלד וועל איך שפּילן
ביי די ווענט פֿון יריחו.

כ׳וויל אַ ריר טאָן זיין פֿידל
און זען צי ס׳איז וואָר.
נאָר ער איז נישטאָ,
זיין ווידערקול ציטערט:

איך בין דאָ, איך בין דאָ,
דו דאַרפֿסט נישט קיין וואָר.
ס׳וועט מיין שטים דיך דערגרייכן.
איך בין דאָ, איך בין דאָ,
נעם מיין ווידערקול מיט
צו די ווענט פֿון יריחו.

אָט באַלד וועל איך שפּילן
ביי די ווענט פֿון יריחו.

1960

נישט פרילינג, נישט האַרבסט...

ס'איז נישט פרילינג, נישט האַרבסט, עס איז שטאַרב־צייט.
צו דעם בריק מוז מען געבן אַ שפּענדל צושטייער.
אַט באַלד וועל איך גיין — שוין נישט לאַנג,
ווו עס ליכטיקט דער אייביקער פייער.

ווו עס ברענט דער נר תמיד פאַר גאָט,
נישטאָ דאָרט קיין שאָטן קיין מינדסטער.
כ'בין אויפן וועג צו דער אייביקער ליכט,
צו דער אייביקער ליכט וואָס איז פינצטער.

מיינע פיס שוועבן גרינג נאָך און שטיל,
מיינע הענט נאָך מיט לייכטקייט באַגנעדיקט,
נאָר דאָס האַרץ וויל נישט שפּילן די שפּיל
מיט אומקום און אומגליק געזעטיקט.

כאָטש עס ווילט זיך נישט דורכגיין דעם אומזין פון טויט,
פון גסיסה דעם עלנטן בזיון,
נאָר מסתּם איז דאָרט יום טוב אויף יענער זייט פּלויט,
ס'איז דער טויט דאָך אַ יציאת מצרים.

און סוף כּל סוף האָט דער טעפּער באַשאַפן דעם קרוג
און די מאָס פון דעם שוימיקן ווײַן איז באַשטימט.
נאָך אַ זופּ, אָדער נישט — עס איז סיי ווי גענוג.
עס פאַלן די שטערן און דער הימל צערינט.

1948

דער ערער

אין מדבר אויף זאמד און אויף שטיין
גרינט אן איינציקער בוים — דער ערער.
ער איז פון חלום דער האר.
ער איז פון וווּנדער דער האר.
דער איינציקער בוים — דער ערער.

ער וואַרט אַז אַ פויגל זאָל קומען צו אים
אין מדבר פון זאַמד און פון שטיין.
טויזנט יאָר פליט דער פויגל
און פארזאַמט יעדן טאָג.
וואַרט דער ערער פון פאַרטאָג
ביז פאַרטאָג —
פאַרטאָן אין דער שטילקייט פון טרוים.

ביינאַכט גייען שטערן אַרום אויף שפּאַציר
איבער מדבר פון זאַמד און פון שטיין.
ציט זיך אוים דער ערער ביזן הימל די הויך
און ער רירט אָן די שטערן
דורך זילבערנעם רויך —
פאַרטאָן אין דעם ליכט פון זיין טרוים.

ער איז פון חלום דער האר,
ער איז פון וווּנדער דער האַר,
דער איינציקער בוים — דער ערער.

ער קומט מיר צו חלום אַמאָל דער ערער.
ער שטייט אין דער מדבר און לויכט,
עס פליט אָן דער פויגל,
גיט מיט אַ פליגל אַ שאַר —
און דער בוים אין די זאַמדן פאַרטויכט.

אַ רגע

די רגע איז דײַנע,
גיב אַ שפּרײַז,
פֿאַרטאָפּל אַ קרײַז אויף אַ קרײַז.
פֿאַרטאָפּל אַ טאָג אויף אַ טאָג
און אַ נאַכט אויף אַ נאַכט.
די רגע איז דײַנע.
זי איז פֿרידן און שלאַכט.

די רגע איז דײַנע.
גיב אַ בליק,
שפּאַן איבער אַ בריק נאָך אַ בריק,
שפּאַן איבער דעם קלאָג־טאָל.
די רגע איז פֿולער —
זי איז גאָטס וואָגשאָל.

די רגע איז דײַנע.
זי איז אָן אַ געוויכט.
זי האָט נישט קיין מאָס.
זי איז ליכטיק אָן ליכט.
זי איז שטילקייט —
און שפּילט.
זי איז אַנגסט און איז גליק.
זי איז אייביק
אין אָן אויגנבליק.

1960

בלעטלעך

בלעטלעך. נישט פאַרענדיקטע לידער.
ברוכוואַרג פון ליכט, און ברוכוואַרג פון נעכט.
כ׳בין מיט קיינעם נישט גאַנץ, מיט אַלץ קידער־ווידער.
מיט צעריסענע בלעטלעך איך פיר אַ געפעכט.

איך צעריים און איך וואַרף אויפן ווינט זיי מיט צאָרן.
זיי קומען צוריק און אין פנים מיר שמייסן:
דערצייל און נישט שעם זיך ווי דו ביסט פאַרלאָרן.
נעם אונדז צוריק און פאַרריכט דיינע גרייזן.

איך צעריים זיי און וואַרף זיי אַרוים אויף די מיסטן.
זיי קומען צוריק און זיי בלענדן און שטעכן:
דערצייל און נישט שעם זיך — דיין אומגליק פאַרוויסטן
דו קומסט מיט פאַפירענע ווערטער פאַרשוועכן.

איך צעריים מיינע בלעטלעך און וואַרף צום פאַרברענען
און קוק אויפן גיריקן פלאַמען־פאַרניכט.
נאָר די אותיות בלייבן געשוואַרצטע און קלעמען:
נעם אונדז צוריק און דיין טעות פאַרריכט.

ברוכוואַרג פון געשען, פון געווען, און געוועזן.
ברוכוואַרג — איך האָב נאָך פאַר דעם נישט קיין נאָמען.
קומט אַ מלאך פאַרגיביק און פאַרקערט מיט אַ בעזים
מיין געוויין און די גרייזן און הייסט זאָגן: אָמן.

משה און אהרן

ווי אַ שאַרפער אַקער
דורך די וואַלקנדיקע שפּאַרן
איילט זיך די לבנה,
פירט משה רבנו און אהרן.

זיי וואַנדערן יאָרן.
זיי קענען צום סיני נישט קומען.
זיי פירן די אַלטע געבאָטן
פאַרקריצט אויף אַ שטיין אויף אַ שטומען.

זאָגט אהרן צום ברודער:
פיר שטילער דעם רודער.
דורות קומען און דורות פאַרגייען.
זיי לערנען און לערנען,
זיי קענען סיי ווי נאָך
דיין עברי נישט לייענען.

נאָר משה רבנו — ער הערט נישט.
פאַרטראַכט אויף די הימלשע לאַנען
ער שניידט דורך די קרייזן
פון שטערן־געשפּאַנען,

צום סיני, צום סיני דערגרייכן
און נאָך אַ מאָל ברענגען
אויף קריינדלעך פון אותיות
דעם געטלעכן צייכן.

זאָגט אהרן צום ברודער:
פיר שטילער דעם רודער.
פעלקער לעבן און פעלקער פאַרשווינדן.
זיי קענען סיי ווי
פון די אותיות געקרוינטע
דעם טראָף נישט דערפינדן.

נאָר משה רבנו — ער הערט נישט.
ער קריצט די געבאָטן.
ער שלייפֿט זיי מיט שטראַלן,
זיי זאָלן זיין לויטער,
קיין שטויב זאָל נישט פֿאַלן.

זאָגט אהרן צום ברודער:
פֿיר שטילער דעם רודער.
ווו זיך אָפּ אויף אַ שטערן.
מען באַקט דאָרט אַ לעקאַך
מיט האָניק מיט ברוינעם.
איך בין מיד שוין ביז טרערן
פֿון די עולמות עליונים.

נאָר משה רבנו — ער הערט נישט.
ער שרייבט מיט זיין פֿעדער.
עס פֿליִען די פֿונקען,
ווי שטראַליקע צעדער.
עס שטראָמען די פֿונקען.
עס קומען מלאכים
די פֿליגל דאָרט טונקען.

זאָגט אהרן צום ברודער:
פֿיר שטילער דעם רודער.
כ׳ בין נישט משה רבנו,
כ׳בין פּשוט דיין ברודער,
כ׳בין אהרן. ס׳איז שווער דיין געבאָט.
און זע אונדזער שיף — די לבנה —
פֿינצטערט אָפּ יעדן חודש — באַנקראָט.

מען איז איין מאָל געשטאַנען ביים סיני.
זע דעם עינוי, זע דעם וויי.
וואָס דאַרפֿסטו כסדר און אייביק
זיך צווינגען אויף זיי?
איך צווייפֿל אין גאַנצן...
איך צווייפֿל... ס׳האָט משה דערהערט.
ער האָט אַ פֿאַרהאַנג געעפֿנט
פֿון הימל ביז ד׳ערד.

ס'האָט אהרן דעם סיני דערזען,
און אונטן דאָס פאָלק —
ווי עס וואַרט...
מען ליגט אויף די זאַמדן און שטיינער
פאַררײַסן די קעפּ
צו דעם באַרג.

ס'האָט אהרן די אויגן פאַרמאַכט,
די באָרד מיט דער דלאָניע געגלעט
אַ שעה נאָכאַנאַנד.
און ער האָט געזאָגט:
אוי, רבונא דעלמא,
ווו האָסטו גענומען אַן אומה אַזאַ,
אַ בריליאַנט?
אַ געדולדיקע, פרומע —
אָ, רבונא דעלמא,
ווו האָסטו גענומען די אומה?

רבי יוסף הכהן פאַרענדיקט דעם „עמק הבכא"

אין אַ ווינקל ביים עמוד, אין ביינאַכטיקע שעהן,
ביי אַ פלעמל פון אויל זיצט ר' יוסף הכהן.

די נאַכט איז אַ פינצטערע, די צייט איז אַ כמורע,
ער ציט די געגנדזוענע פעדער שורה נאָך שורה,

ער פאַרשרייבט די גירושים מיט פינגער דאַרע,
גירוש וואָרמיש און פּראָוואַנס און נאַוואַרע.

וואָגל קורטגינע, טויט און סכנה,
גזירת גראַנאַדע און אומגליק אַנקאָנע.

מיט גרעסערע אותיות פון דער קהילה דעם נאָמען,
דעם יאָר פון דער גזירה זאָלן יידן דערמאָנען.

מיט פאַרזיכט פאַרצייכנט די טייך פאַר אַ סימן —
זאָלן יידן געדענקען, אין קונטרוס געפינען.

עס ווערט פינצטער די שריפט.
ביים סופר דעם אַלטן ציטערט אַ ברעם.

נעמען פאַרשרייבט ער, די קינדער פון ישראל —
די קייט די געלויבטע פון קידוש השם,

עס טונקט זיך דאָס פלעמל פון אויל,
די געגנדזוענע פעדער ווי נאָר וואָס געשחטן
צוקט אָוועק פון דער שורה, פאַרחלשט, פאַרשוווערט.
מיט יללה ווערט פול דער בית מדרש,
דער עמוד איז קאַלט ווי צעגראָבענע ערד.

עס שיקט גאָט דעם באַגינען מיט אַ שימער אַ בלויען.
עס ציטערט די האַנט ביי דעם סופר דעם גאון.

זיין פנים פאַרשווּיגן, לויטער מחשבה,
נאָר עס לעסטיקט זיין גוף, זיין האַרץ איז צעבראָכן.
ער פאַרענדיקט דעם ספר „בעמק הבכא״.

„אני יוסף בן יהושוע, בן מאיר, בן יהודה,
פון די כהנים וואָס זענען אַרוים פון ספרד,

„איך האָב געזען דעם פיין פון ישראל
און פון רשעות דעם זיג,
אין טאָג פון דיין טואונג, גאָט,
קריג אונדזער קריג.

„איך האָב געזען די שיפן להרג — מיט מענטשן ווי שאָף.
אין טאָג פון דיין משפט, גאָט,
שטראָף זייער שטראָף.

„קיין איין זינד נישט פאַרמעק, קיין איין טרער נישט פאַרראַט,
ביסט דער האַר פון גבורות, גאָט,
אין טאָג פון גבורה — טו דיין טאַט,

„איך האָב געזען —
עס איז שפּל דיין פאָלק און דיין תורה די קלאָרע,
עס איז חרוב דיין וועלט אין פינצטערקייט פון עבודה זרה.

„מיין לייב איז ווייטיק, מיין בלוט איז צער.
פון עמק הבכא רוף איך דיך, האַר״.

יונה

אפילו זיבן מאָל וועסט ענדערן דיין פּורעם,
פאַרבאַרגן דיין געביין און דיין געבינד,
וועט גאָט דיך צייכענען און רופן דורכן שטורעם:
אין נינוה גיי,
און לייטער זי פון זינד.

מיט פאַרשטעלטע אויגן און פאַרמעקטן נאָמען
אַנטרינען וועסט נאָך שטילקייט און נאָך רו.
וועט גאָט דיך צייכענען און רופן פון די תהומען:
אין נינוה גיי,
און וואָס איך הייס דיר — טו.

דו וועסט דיין לשון אויסבייטן אויף אַנדערע לשונות,
און אויסבריִען אין צונג אַן אַנדער שפּראַך.
וועט גאָט דיך צייכענען און זאָלבן מיט גאונות:
אין נינוה גיי,
און וואָס איך הייס דיך — מאַך.

דו וועסט אין גריבער ליגן אַ פאַרוואָרפענער מיט שטיינער,
מיט ווונד אויף לייב, מיט בראַנד און פּלאָג.
וועט גאָט דיך צייכענען מיט פייער אין די ביינער:
אין נינוה גיי,
און וואָס איך הייס דיר — זאָג.

וועסטו ביי גאָט זיך בעטן אין געיאָמער:
פאַרוואָס בין איך פון דיין געבאָט דער קרוג?
איך וויל אַן עפּלבוים פאַרפלאַנצן, צי אַ תמר,
צי איז דאָס ניט גענוג פאַר יונהן
פאַר גאָר פון דיין באַשאַף איז דאָס גענוג.

און ס׳ענטפערט דיר אַ שטים פון שטורעם:
פאַרגעס דיין עפּלבוים, דיין הויז און רינד,
ביסט אויסדערוויילט פאַר רחמים און יסורים,
אין נינוה גיי,
און לייטער זיי פון זינד.

באַהאַלט מיך אין אַ בלאַט

באַהאַלט מיך אין אַ בלאַט,
באַהאַלט מיך אין אַ שטיין,
זייער זיכערע רו איך בין זיי מקנא.
באַהאַלט מיך, גאָט,
אין דיין שוץ און באַהעלטעניש
און צאַם מיך אַרום מיט דיינע צאַמען.

הייב מיך אַרויס פון דער שטויביקייט.
דער שטויב מאַכט מיך גרויען.
נעם מיך אַרום מיט דיין אייביקייט
ווי אַ בלאַט און אַ שטיין —
דערנערטע מיט טויען.

מאַך אַ וועג מיר פון שטענדיקייט,
מיין האַרץ איז פאַרשאָטנט.
זאָלב מיך אָפּ מיט דיין בלענדיקייט
וואָס איך פיל אין מיין אָטעם.

וואַש אָפּ דעם ציטער פון מיר.
וואַש אָפּ דעם צווייפל.
די נעכט זענען פאַרגייאיקייט
און די טעג זענען ווייפול.

מיין וואָרט פאַרלירט די שטים
אין דעם חלל דעם האַרבן.
שיק דיין הילף, אלהים,
אַז מיין קול זאָל נישט שטאַרבן.
ווייל איך פאַל,
ווייל איך פאַל
אין דעם חלל דעם האַרבן.

און פאַרגיב מיר די תפילה
אַזאַ צעבראָכענע
ווי מיט בייטשן געשלאָגן.
מען שלאָגט מיך און מיין תפילה,
אונדזביידן צוזאַמען.
צאַם מיך אַרום מיט דיין שטראַליקייט
און זיי דו — מיינע צאַמען.

כ׳גיי היין און צוריק פון מיין טאָג צו מיין נאַכט

כ׳גיי היין און צוריק פון מיין טאָג צו מיין נאַכט,
און איך ווייס אַזוי קלאָר ווי פון וואַסער דער שפּיגל,
אַז מיין צווייפל איז רויך
און ס׳איז בלענדונג מיין פרייד,
און כ׳ווייס נישט ווער ס׳האָט מיר געצייכנט מיין עיגול.

עס איז שפּעט אין דער נאַכט, איך פאַרענדיק מיין ווידוי,
כאָטש איך ווייס — ס׳איז נישטאָ קיין פאַרענדיקטע סופן,
און עס ענדערט זיך אַלץ ווי פון וואַסער דער שפּיגל
וואָס פאַרשרייבט און פאַרמעקט די גערונצלטע סטראָפן.

איך גיי היין און צוריק פון מיין טאָג צו מיין נאַכט,
איך ווייס נישט קיין שטרויכל, מיין קאָפּ איז געהויבן —
דאָס איז אין דער רגע ווען עס באַגליקט מיך מיין גאָט,
און איך פיל זיך ווי אַ שטויב פון זיינע שטויבן.

מיין ווײ טוט מיר ווײ, און מיין פרייד טוט מיר ווײ.
אין שיכורן אומעט טראָג איך זיי ביידן,
ווי דאָס טונקעלע וואַסער טראָגט די גאָלד פון דער זון —
אַנטלויף איך פון איינעם צום צווייטן.

אונטערגאַנג סתם

כ'האָב געזען אַן אַלטן קאַפּיטאַן
ער האָט שוין קיין שיף נישט געפירט,
נאָר געטראָגן זיין היטל מיט גאָלדענע ברעגן.
אין די אויגן די כמורנע —
אַ פאַר־ליווערטער ים איז געלעגן.

די שיפן וואָס ער האָט געפירט זענען אונטערגעגאַנגען
נישט אין שטורעם, נישט אין תהומען פון ים.
עס האָט זיי פאַרשלונגען דער תהום פון זיכרון
אַ ברעג אָן אַ נאָמען,
אָן אונטערגאַנג סתם.

ווען דער ווינט גיט אַ רים זיין באַגילדעטן היטל,
וואַכט אויף זיין זיכרון,
ער דערמאָנט זיך די אינדזלען, די שטיינערנע ריפן,
ער שמייכלט מיט ביטול:
נאָך שטאַרקער פון שטורעם איז דער ברעג אָן אַ נאָמען —
דער אונטערגאַנג סתם.

דאָרט זענען צעקלאַפּט זיינע שיפן.

1963

טונקלקייט

פאַרנאַכט. די טונקלקייט לאָדט אוים איר לאָדן.
כל־זמן איך האָף אויף טאָג
מיך שרעקט ניט דער פאַרנאַכט,
פון טונקלקייט דאָס אויסלאָדן איר לאָדן.

עס וויינט דער ווינט. ער ברומט מיט שמעטערונג און שאָדן.
כל־זמן איך טרעף פאַרנאַכט
אַ מאַמע מיט אַ קינד
שרעקט מיך ניט דער ווינט
מיט שמעטערונג און שאָדן.

נאָך יעדן מענטשן גייט זיין טונקלקייט, זיין שאָטן.
כל־זמן איך זע דער מענטש צום הימל בליקט,
שרעקט מיך ניט זיין טונקלקייט, זיין שאָטן.

אַ צווייגל פּאָכעט אויף אַ בוים,
דראָט עס זאָל אַ בייטש גאָר ווערן.
כל־זמן ס׳איז גאַנץ די נעסט פון פויגל אויפן בוים
שרעקט מיך ניט דאָס פּאָכען פון דער צווייג
וואָס דראָט אַ בייטש גאָר ווערן.

דער פויגל וועט אויסזינגען זיין ליד,
די צווייג וועט הערן און וועט גרינען.
דאָס איז מיין שוץ פאַרנאַכט,
דאָס איז מיין ליכט באַגינען.

ניגון פון חצותן

די זון פון באנאכטן
היילט די ווונדן פון טאָג.
אין דעם חלל פארטראכטן
זינקט איין גוג־ומגוג,

מיט זיין מגושמדיק קול
און די אייזערנע פינגער,
און די וועלט מיטאמאָל
ווערט דערלייזט און ווערט יינגער.

עם אנטלויפן די קנעכט
פון די שטאָלענע שאכטן,
און זיי בענטשן דאָס רעכט
און די זון פון באנאכטן.

מען צעוואשט זיך די הענט
און מען שווענקט אָפּ די זנותן
פון דעם טאָג וואָס פארשעמט
פאר זיין ברויט און גענוסן.

דער הימל פארשפרייט
זיינע זילבערנע גראָזן,
און פון שטילקייט די פלייט
ברומט דעם ניגון פון חצותן.

אַ וווּנדער־וואָרט

עס לעבט אין מיר אַ וואָרט,
אַ וווּנדער־וואָרט.
עס איז מיט בליצן דורכגעברענט
דאָס וווּנדער־וואָרט.
אין שטיין איז איינגעקריצט
דאָס וווּנדער־וואָרט.
עס גליווערט און גליט,
עס זינקט אין ים,
עס פאַלט אין תהום,
עס טויכט אַרויס מיט תפילה
און ווערט אויסגעהיט.

עס ברענט אין קאַלך־אויוון
דאָס וווּנדער־וואָרט,
אין פייערדיקע צונגען ברייט
דאָס וווּנדער־וואָרט.
עס קומט אַרויס מיט תפילה
און ווערט אויסגעהיט.

מיין האַרץ איז פול
מיט וווּנדער־וואָרט,
מיין בלוט איז קראַנק
פון וווּנדער־וואָרט,
מיין בליק געלייטערט איז
פון וווּנדער־וואָרט,
פון וווּנדער־וואָרט.

ירושלים

ווידערקול פון ירושלים

ווען קיינער זאָגט עס ניט,
זאָג איך צו זיך אַליין:
ירושלים.
און ס׳קומט דאָס ווידערקול
און זאָגט עס נאָכאַמאָל:
ירושלים.
כ׳האָב דאָרט אַמאָל געזען
לעבן אַ קליינעם בוים
אַ מלאך שטיין.
כ׳האָב אים געפרעגט: פון וואַנען קומסטו?
האָט ער געזאָגט: — ירושלים.
כ׳האָב אים געפרעגט: און וואוהין גייסטו,
וואונדערלעכער מענטש?
האָט ער געזאָגט: — ירושלים.
כ׳האָב אים געפרעגט: וואָס טראָגסטו,
שליח פון דער וועלט?
האָט ער געזאָגט: — ירושלים.
כ׳האָב אים געפרעגט: צי האָסטו טרייסט פאַר מיין הארץ
וואָס איז געוואונדיקט פון געבוירן אָן?
האָט ער געזאָגט: — ירושלים.

ער איז אַוועק. געבליבן איז דער קליינער בוים,
און די שטים די געטלעכע: — ירושלים.
און ס׳קומט דאָס ווידערקול
און זאָגט עס נאָכאַמאָל:
ירושלים.

1959

ערב שבת אין ירושלים

עס נידערט די זון,
עס נענטערט זיך דער שבת קודש.

עס איילט אַ ייִד
און בלאָזט אין שופר —
זייט גרייט צו שבת קודש.

זיין גוף איז מצוהדיק.
נאָך אים אַ פּאַרכטיקער עכאָ.
עס גייען קינדערלעך
מיט ווייסע קליידער,
מיט פרומע אייגעלעך
פון פסוק לי פסוקיך.

די בערג באַדעקן זיך
מיט מילגרוים-רויט
לכבוד שבת קודש.

עס יאָגט אַן אייזעלע
מיט אַ צעפליגלטן געשפּאַן —
נישט אַריינפאָרן אין שבת קודש.

עס איז געהייליקט די מי
פון דעם שטומען באַשאַף —
מיט יראה פאַרן שבת קודש.

די דעכער תפילהדיקע
שטרעקן זיך צום הימל,
און אַלע מיידלעך זענען שיינע.
יעדעס הויז האָט זיבן מאָל ליכט
און יעדער פרוי —
איז ווי רחל אמנו.

איך שטערן-טוך טוט אַן ירושלים
און גאָר די וועלט —
ווערט שבת קודש.

פעברואַר 1957

ירושלים

אויף די בערג פון יהודה
דערהויבן איז ירושלים.
אַלט איז ירושלים,
יונג איז ירושלים,
אייביק איז ירושלים.

יאָר נאָך יאָר, און דור נאָך דור
לויכט די שטאָט ירושלים.
ווייט איז ירושלים,
נאָנט איז ירושלים,
אייביק איז ירושלים.

אין דעם סידור, אין דעם מחזור
פעסטיקט זיך ירושלים.
טרייסט איז ירושלים,
יום טוב איז ירושלים,
אייביק איז ירושלים.

מזרח, מערב, צפון, דרום
בוקן זיך צו ירושלים.
חכמה איז ירושלים,
תורה איז ירושלים,
אייביק איז ירושלים.

און דער פיטערער, דער מלך,
שטייט און היט ירושלים.
ברכה איז ירושלים,
שלום איז ירושלים,
אייביק איז ירושלים.

ירושלים

אויפן גרעניץ פון אין סוף
שטייט די שטאָט ירושלים.
האַלב של מעלה,
האַלב של מטה,
בשותפות מיט מלכות שמים.

פעלדזן־בערג באַשיצן זי
ווייסע שטיינער זאָגן תהילים
מדברדיק און אימהדיק
מיט גרויע בערד פון די נפילים.

פאָרט מען אַהין טויזנט יאָר
און מען קומט כהרף עין —
שטייט אַ שטאָט
ווי אַלע שטעט —
און דאָס איז ירושלים.
שטייט מען שוין אינמיטן שטאָט
און מען בענקט קיין ירושלים.

וויל מען וויינען — קען מען ניט,
ווייל ס'איז דאָרטן גרוים די שמחה.
וויל מען לאַכן — טאָר מען ניט,
ווייל דער הימל דאַוונט מנחה.

שטייט אַ מענטש, און ווייס ניט וווּ,
און אַלע ביינער זיינע זאָגן:
גרויסער, רחמימדיקער גאָט,
שווער מיט דיר אַ שותפות טראָגן.

אַ גאָט־באָרוטע שטייט ירושלים,
אַ פאַרברענטע — בליט זי אין די תפילות,
אַ פאַרלאָזטע — היטן זי די היילען,

הונגעריקע פעלקער קומען צו איר ברויט אַנטלייען
און דער פּיטערער, דער מלך,
וואַכט איבער די קרוינען
פון ירושלים.

און ווען באַלאַגערט איז די שטאָט
גייט דאָס פאָלק ישראל שורה נאָך שורה —
ווילנע, ניו־יאָרק און עין חרוד
אויסלייגן דעם כביש פון גבורה.
און שבעים לשון ווערט געהייליקט
און שמע ישראל — איז יעדער שמועס.
און יעדעס וואָרט — איז אַ קאַפּיטל תהילים
און יעדער אות — אַ צייכן פון נבואות.

ותחזינה עינינו — עס איז נעכטן געווען.
מיט פאַרכט און מיט ווייטיק דעם וווּנדער געזען
עין בעין
אויפן גרעניץ פון אין סוף
אין ירושלים.

1952

אין ירושלים קומען מלאכים

אין ירושלים קומען מלאכים
און עפענען טירן פון ייִדישע הייזער.
זיי לערנען די קינדער צו ליב האָבן תורה,
צו שווייגן אין חכמה,
צו ווערן די שפּייזער.

ס׳קומט יעדן טאָג איינער,
ס׳קומט יעדן טאָג איינער,
ביז ס׳וועלן דערוואַכן די טרוקענע ביינער.

אין ירושלים קומען מלאכים
און גייען אויף גאַסן נאָך נישט קיין ברוקירטע.
זיי פירן די זאַמדן,
זיי שלעפּן די שטיינער,
מיט אָרעמע ייִדן, מיט געטלעך באַרירטע.

ס׳קומט יעדן טאָג איינער,
ס׳קומט יעדן טאָג איינער,
ביז ס׳וועלן דערוואַכן די טרוקענע ביינער.

אין ירושלים קומען מלאכים
נאָך איידער די זון קומט,
נאָך איידער, נאָך איידער.

זיי טראָגן כאַלאַטלעך,
געקירצט און גענעטלט —
די שכינה זאָל לויכטן
אויף געלאַטעטע קליידער.

ס׳קומט יעדן טאָג איינער,
ס׳קומט יעדן טאָג איינער,
ביז ס׳וועלן דערוואַכן די טרוקענע ביינער.

צו גאַסט ביי שלמה המלך

אויף אַ פעדער פון דעם אויער־האָן
בין איך געקומען אַהער,
און איך בין דאָ.
און דער מלך שלמה פון זיין געצירטן טראָן
האָט מיר געזאָגט:
ברוך הבא.

די פייגל, און די בערן, און די לייבן
אויף די טרעפּ,
האָבן געאומט און געבומט
און געוויגט מיט די קעפּ.

אויף אַ זוניקן באַרג
כ׳האָב זיין גאָרטן דערזען
און פאַרשיכורט פון ריח פון עפּל און וויין,
כ׳האָב געפילט, אַז מיט מיר —
איז אַ וווּנדער געשען
און די בלויקייט פון ים
איז אין האַרצן אַריין.

כ׳האָב געוויינט —
וואָס צו מיר אין מיין טרויעריקסטן טאָג
האָט זיך אויפגעמישט אַ פריידיקע בלאַט —
פון אַמאָל,
און ס׳האָט געציטערט מיין האַנט,
ווען אַ קינד פון עין חרוד
האָט מיר האָניק דערלאַנגט
אויף אַן ערדענע שאָל.

פון ירושלים

(פאָלקס־מאָטיוו)

פון וואַנען קומט דאָס ליכט איבער דער וועלט?
פון ירושלים קומט דאָס ליכט איבער דער וועלט,
ווייל דאָרטן רוט די שכינה —
קומט דאָס ליכט איבער דער וועלט.

פון וואַנען קומט געזאַנג איבער דער וועלט?
פון באַרג פון ציון קומט געזאַנג איבער דער וועלט,
ווייל דאָרטן רוט דער זינגער —
מזמור שיר לדוד — קומט געזאַנג איבער דער וועלט.

פון וואַנען קומט דער חסד איבער דער וועלט?
פון ירושלים קומט דער חסד איבער דער וועלט,
ווייל דאָרט זענען געגאַנגען די נביאים —
קומט דער חסד איבער דער וועלט.

פון וואַנען קומט די גבורה איבער דער וועלט?
פון די זאַמדן פון באַרג סיני קומט די גבורה איבער דער וועלט,
ווייל דאָרטן טראָגט מען די געבאָטן
אויף די פייערדיקע זיילן —
קומט די גבורה איבער דער וועלט.

פון וואַנען קומט די שיין איבער דער וועלט?
פון די שטיינער פון ירושלים קומט די שיין איבער דער וועלט,
ווייל מען האָט געוואַשן זיי מיט טרערן,
ווייל מען האָט געלייטערט זיי מיט פיינען —
קומט די שיין איבער דער וועלט.

גדרה

אַ לאָגל טרערן און אַ לאָגל ווײַן
טראָגט אַן אײזל אויפֿן רוקן.
ער גייט צום וווּנדער־לאַנד.
עס איז קיין וועג נישטאָ, נאָר ווײַסער זאַמד —
אַ ווײַסע וויסט מיט כוואַליעדיקע שנוקן.

ס׳איז שווער די לאַסט פֿון טרערן
און פֿון ווײַן דער לאָגל.
און צום וווּנדער־לאַנד איז ווײַט דער וואָגל.
קומט אַ פֿויגל און בלײַבט הענגען אויף די פֿליגל:
אָ, וווּ גייסטו, בלעמס אײזל?
האָסט פֿאַרבלאָנדזשעט דאָ אין מדבר־שטײַסל.
אויב ס׳איז טײַער דיר דײַן פֿעל,
קער זיך אום אויף מײַן באַפֿעל.
ס׳וועט די וויסט פֿאַרשלינגען דיך אין אירע דנאָען —
דיך און דײַנע אײזעלישע טלאָען.

פֿון לאָגל טרערן פֿאַלט אַ טרער אַ שווערע,
און פֿון לאָגל ווײַן קומט אַ געזאַנג: —
מיר גייען אין דעם וווּנדער־לאַנד גדרה,
און עס איז נישט ווײַט דער גאַנג.

גייט אַ מנין ייִדן און דער טאָג קומט אָן.
ס׳טראָגט יעדערער אַ סידור זמירות און אַ ווײַסע פֿאָן.
מען גייט צום וווּנדער־לאַנד.
ס׳איז קיין וועג נישטאָ נאָר ווײַסער זאַמד.
גייט דער ערשטער און ער וויינט,
און זײַן טרער שלאָגט אוים אַ וועג דעם צווייטן.
גייט דער צווייטער און ער זינגט,
און זײַן ליד שפּרייט אוים דעם וועג פֿאַר ביידן.
גייט דער דריטער און ער טאַנצט,
און דער פֿערטער פֿאַלט אים אויפֿן האַלדז: —

הוי, מה טובו אוהליך — זינקען טריט זייערע שווערע,
און מען עפנט הונדערט טויערן
צו דעם וואונדער־לאַנד גדרה.

קומט אַ ווינט אַראָפּ פון היגל
און בלייבט הענגען אויף געזאַנג: —
אָ, וואו גייט איר, קינדער פון אברהם?
עס איז קיין דאַך נישטאָ און נישט קיין ברונעם.
איך וועל באַקלאָגן אייך מיט ווינט־ניגונים,
ווען עס וועט פאַרשלינגען אייך פון ווייסן זאַמד דער תהום.

פון לאָגל טרערן פאַלט אַ טרער אַ שווערע
און פון לאָגל וויין קומט אַ געזאַנג —
הוי, מה טובו אוהליך — אין דעם וואונדער־לאַנד גדרה,
און עס איז נישט ווייט דער גאַנג.

דריי אורחים

אויף א שטיין געזעסן איז א ייד,
דעם קאפ אראפגעלאזט, פארדאגהט און פארצוקט,
ער האט קיין היים ניט, און ער איז שוין מיד,
און קיינער האט צו אים אין ווינקל ניט געקוקט.

„ווי וועל איך בויען ווענט, אז ס׳איז נישטא קיין ברעט?
ווי וועט א פענצטער זיין, אז ס׳איז ניטא קיין גלאז?"
אזוי האט ער צו זיך אליין גערעדט
ס׳איז גרויס דער צער, דער עלנט אן א מאס.

ער גיט א קוק, עס שטייען מענטשן דריי,
דריי אורחים אנגעקומענע פון ווייט.
ווי קען ער אורחים אויפנעמען, ער איז אליין דא ניי,
און האט קיין בענקל ניט אפילו ביי דער זייט.

האט ער זיך אויפגעשטעלט, „גוט מארגן" זיי געזאגט,
ברוכים הבאים, איר זיינט טייער מיר געווים,
זייט מוחל מיר מיין ארעמקייט, כ׳האב גארניט-ניט,
אפילו ניט קיין שוועל פאר מיינע פיס.

האבן די אורחים אויפגעשמייכלט מיט א שיין,
און איינער האט געטאן א זאג:
נו, מילא, נו... מיר האבן שוין אזוינס געזען —
מיר וועלן צו דיר קומען אין א יאר, אין זעלבן טאג.

עס איז קיין האלץ ניטא, נאר ס׳האבן אויסגעבויט זיך ווענט.
עס איז קיין גלאז ניטא, נאר פענצטער שניידט מען אויס.
און ס׳האט דער ייד דעם וואונדער און דעם ווייי געבענטשט
און האט בשלום זיך ארייגעצויגן אין זיין הויז.

ער האט דריי בענקלעך צוגעגרייט און אויפגעקלאפט א טיש,
און דריי געלעגערס אויסגעשפרייט פון שטרוי און היי,
פאר די אורחים ווארט א פריידיקע זיין שוועל,
א ליאדע טאג, היינט-מארגן קומען זיי.

אַ קאַפּיטל תהילים

איבער מדבר־זאַמדן אַנגעגליטע
גייט אַ ייִד אַ באָרוועסער פון ליטע
מיט אַ בליק אַ בלאַנדזשענדיקן, שטילן
און ער זאָגט זיין אייגענעם קאַפּיטל תהילים:

גאָט, עס איז אמת דיין ערד איז דאָ הייליק,
טאָ פאַרוואָס איז מיין יעטווידער טראָט מיט יסורים?
און דיין פאָלק — אויסדערוויילט, דיין פאָלק איז אייביק —
נאָר איך בין אַ בלעטל געיאָגט פון אַ שטורעם?

און דיין הימל איז בלוי, ווי מלאכים
זאָלן אויסשפּרייטן אים מיט די פליגל,
טאָ פאַרוואָס איז דאָ נאַקעט מיין גוף,
אָן אַ שטוב, אָן אַ דאַך, אָן אַ ריגל?

און גאָט האָט זיין פּשוטע תפילה דערהערט
און גערופן צו אים פון אַ שטיין אין די זאַמדן:
קום, לען זיך אָן,
ווי ס'האָט יעקב געטאָן
אין אָן עלנטער נאַכט אין זיין וואַנדער.

דער באָרוועסער ייִד איז געפאַלן צום שטיין,
צום אייביקן קישן פונעם מענטש אין דער נידער.
די ערד אַרום אים האָט געטראָגן געוויין,
פאַר חורבנס אַ סך, און פאַר פאַרלענדטע ברידער.

פאַרביי אים האָבן גאָוההדיק רעדער געפייפט,
געפירט חכמה און עזרה און רחמים און בינה.
און דער באָרוועסער ייִד האָט זיך געטוליעט צום שטיין,
צום אייביקן קישן פון יעקב אבינו.

מזמור

יונג זענען די פייגל אין דעם אַלטן לאַנד.
גאָט האָט דאָרט אַ בוים געפלאַנצט
מיט זיין רעכטער האַנט.
גרינט אַ בוים אינמיטן מדבר,
גרינט — דאָס איז אַ נס,
און אַ פויגל זינגט דאָרט שירה
דריי מאָל אַ מעת לעת.

אחד מי יודע?
אחד אני יודע.
גאָט איז איינציק איבעראַל
נותן מטר, נותן טל
אחד מי יודע.

יונג זענען די קינדער
אין דעם אַלטן לאַנד.
גאָט האָט דאָרט אַ שטאָט געבויט
מיט זיין רעכטער האַנט.
רוישט אַ שטאָט אין מדבר־ים
מיט מפא״י און מיט מפ״ם,
נאָר די קינדער לערנען תורה,
פשוט ווי עס הייסט דער בורא.

אחד מי יודע?
אחד אני יודע.
גאָט איז איינציק איבעראַל.
נותן מטר, נותן טל,
אחד מי יודע.

יונג זענען די טאָלן
אין דעם אַלטן לאַנד

מוקען קי, און מעקען ציגן
ביים גלבוע ראַנד.

גאָט האָט דאָרט געגנעדיקט ייִדן
געקרוינט פאַר פאַסטעכער און שמידן
און אַליהו — אַלע ווייסן דאָס —
אין עמק טרינקט דעם ערשטן כוס.

אחד מי יודע?
אחד אני יודע.
גאָט איז איינציק איבעראַל,
נותן מטר, נותן טל
אחד מי יודע.

תפילה

גאָט זאָל מיר העלפן,
עס זאָל דאָס וואָרט פון מיין תפילה ניט וועלקן,
עס זאָל מיין פרייד ניט פאַרגיין אונטער וואָלקנס,
עס זאָל דער פונק פון מיין אויג זיך ניט לעשן,
פון פאַרדראָס אויף אַ ייִדן.

גאָט זאָל מיר העלפן,
עס זאָל מיין בלום ניט פאַרבלייבן אין בליִען,
עס זאָל דאָס לאַנד ניט פאַרשוועכט זיין פון אומעט,
עס זאָל דאָס הארץ ניט געקלעמט זיין אין ווייטיק,
צוליב אומרעכט פון ייִדן.

גאָט זאָל מיר העלפן,
מיינע הענט אויף אַ טיש זאָלן רוען,
און דער טיש זאָל געבענטשט זיין מיט ערלעכן ברויט,
און טישטעכער ווייסע פון פרידלעכער מי
זאָלן ניט טונקלען —
פון ברוגז אויף ייִדן.

1952

היינו כחולמים

בשוב ד׳ את שיבת ציון
היינו כחולמים.
ווי מאָדנע דער חלום זעט אויס
ביי אַ פאָלק פון אבלים.

פון אַ בוים איז אַ בלעטל געבליבן,
פון אַ שטאָט אַ צעוווייטיקטער נאָמען.
אָ, וויי ווי דער חלום זעט אויס,
דער געהאַפטער, געצערטלטער חלום!

אָ גאָט, גיב אונדז קפיצת זכרון,
אַ זייל פון פאַרגעסן זאָל טריפן און טויען,
מיר זאָלן נישט אויסגיין פון ווייטיק און צאָרן,
מיר זאָלן נישט פאַלן ביים אָנבליק פון גויים.

אויב מיר האָב דערלעבט —
דערשטאָרבן, דערזונקען,
דערברענט און דערגליִען,
דערוואַנדערט, דערוווּנדיקט,
דערפיינט און דערשריִען,
בשוב ד׳ את שיבת ציון, —
דאַרפן מיר פשוט אַ היים,
אַ ים אויף צו וואַשן די ווונדן,
אַ ווינט אויף צו היילן דעם וויי פון געביינען,
אַ גאָט פון נקמות
אין הימל פון רחמים,
די ערד זאָל ניט זינקען,
דער זאַמד זאָל ניט וויינען.

אָ גאָט, גיב אונדז קפיצת זכרון,
דער ליכט-זייל זאָל פאַרגיין אונדז ווידער,

ער זאָל אונדז דערלייכטן אין דור פון אבלות,
אין טרויער נאָך שוועסטער,
אין אנגסטן נאָך ברידער.

ווי גרויס איז די נויט
נאָך קריגלעך וואַסער,
נאָך פעלדער פון ברויט,
נאָך בעטלעך פאַר מחנות יתומים
אָן הימל און היימען —
די הייליקע קליינוואַרג־בריגאַדעס
מיט כשרע אויגן און פאַריתומטע לאַטעס.

אליהו פאַר זיי זאָל זיך מיִען און פועלן,
אַז ביי חיימען, איטקעלען, שלמהלען, יואלן
זאָלן כוחות און וועגן סטאַיען
צופוס דערגיין אין ירושלים.
און אליהו זאָל זיי באַפוילן
זיי זאָלן ניט שטאַרבן אויס צער פון פוילן,
מיט אַ פאַטשיילעכל פאַרדעקן
דעם אַש פון שטעט,
פון היים די שרעקן.

אַ גאָט, גיב זיי קפיצת זכרון,
שפרייט אויס זיי פון חסד דיוואַנעס,
אַ וואַלד זאָל זיי שיצן ווי הענט פון די טאַטעס,
אַ גראָז זאָל זיי ווייך זיין, ווי פינגער פון מאַמעס.

עס קען דאָך אַ שטיין אַ פאַרזונקענער בליִען,
בשוב ד׳ את שיבת ציון.

אין שטרויענע שטיבלעך דערבענטשט,
אין ווינטיקע סוכות דערחלומט,
אין עלנטע מילן דערטרוימט,
אין פאַרוואָרפענע קרעטשמעס דערשלומט,
דערצערטלט אויף פרעמדע יאַרידן
האָבן שטילע לוייִם — די ייִדן —

אַ חלום פון גאָט אויסגעחלומט,
און ווען אַלץ איז פאַרברענט —
די ווערטער ווי וויינגערטנער בליִען,
בשוב ד׳ את שיבת ציון.

עס וועט קיינער ניט פאַרשטיין אונדזער געזאַנג,
פון יידישע פידלען דעם ניגון,
נאָר אין פעלד אַ צעטראָטענע זאַנג
וועט דערהערן, זיך אָנהייבן וויגן,
זיך אויפהייבן, אָנהייבן בליִען —
בשוב ד׳ את שיבת ציון.

אָ גאָט, גיב אונדז קפיצת זכרון,
מיר זאָלן נאָך שפּירן די זיסקייט פון וואַסער,
מיר זאָלן נאָך פילן די פעטקייט פון קאָרן.
מיר זאָלן דערקענען נאָך מענטשן און גאָט,
מיט ליבשאַפט די הענט צום הימל נאָך ציִען.
עס קומט אונדז אַ נס —
בשוב ד׳ את שיבת ציון.

1950

אין לאַנד ישׂראל

כ'בין געקומען אין דעם לאַנד ישׂראל,
האָט אַ פּאַסטעכל אַ מתּנה מיר געגעבן —
אַ שאַלעכל אַ הימל־בלויעם
כ'זאָל אים טראָגן דאָס גאַנצע לעבן.

און ער זאָגט: מיין אייגן שאָף געשאָרן,
און ער זאָגט: מיין אייגן וואָל געוועבן —
אַ מתּנה, פאַר אַ בת־ישׂראל,
זי זאָל עס טראָגן אויפן גאַנצן לעבן.

כ'וויל אים דאַנקען. כ'בלייב אין שרעק,
מיין אָטעם אַ דערשעפּטער —
עס שטייט אַנטקעגן מיר אַ מלך
און אין האַנט האַלט ער אַ סצעפּטער.

וויל איך פאַלן אין געבוקונג,
ווי מען מוז דאָך פאַלן פאַר אַ מלך,
שמייכלט ער צו מיר אַ װוּנדערלעכן שמייכל,
און ער זאָגט דערהויבן און פאַמעלעך:

כ'האָב לאַנג אויף דיר געוואַרט,
געוואָלט דיך זען, דיין שטים דערהערן.
ניט וווּנדער זיך — דער פּאַסטעך־שטעקן אין מיין האַנט,
קאָן יעדן טאָג אַ סצעפּטער ווערן.

דאָס איז געווען לעם שטעטעלע רחובות
אַ סימן — דער פּאַסטעך איז לעם מיר פאַרבייגעגאַנגען,
אויף אַ גראָען שנירל דער פּאַסטעך־שטעקן
אויף זיין הויכן אַקסל איז געהאַנגען.

און נאָך אַ סימן: דאָס שטעטעלע רחובות,
און אַרום אַ ייִדיש לאַנד,
און דאָס שאַלעכל דאָס הימל־בלויע
וואָס ליגט נאָך איצטער אויף מיין האַנט.

דער יונגער מזל *

דאָרט ווו ס'איז געשטאַנען
דער אַלטער צעדערבוים,
און איצטער פליגלט דאָרט אַ דעכל פון אַ פועל —
טויכט אויף אַ יונגער מזל אין הימל־רוים —
דער ערשטער שטערן פון ישראל.

ער האָט נאָך ניט קיין נאָמען,
קיין וועג אין הימל ניט געבראָכן,
ער ווייס נאָך ניט, אַז ער דאַרף שיינען,
ער האָט נאָך ניט קיין שטערן־שכן.
אַ נייער מזל צווישן די מזלות,
און ס'קומט צו אים אַ מלאך
מיט אַ זעקל פון גורלות.

צי ווילסטו מאַכט ? צי רום ?
צי פון אַ שטערן אַ פאַרלאָשענעם ירושה ?
צי ווילסטו גדולה ?
אָדער צניעותדיקע קדושה ?
צי ווילסטו זיין אין שכנהשאַפט מיט זונען ?
אָדער אין טונקלקייט פאַרבאָרגן ?
צי ווילסטו זיין דער שטערן פון דעם שטומען ?
אָדער דער אויסגעזאַנג פון מאָרגן ?

דער מלאך האָט לאַנג געלייענט פון זיין אַלטן צעטל,
געלייענט און געמישט אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל.

דער יונגער מזל האָט געשוויגן,
זיין ערשטע גלוסטונג ניט געקענט באַשיידן,
דערנאָך האָט ער אַ שטראַלכל אויסגעליכטיקט
און צום מלאך אָנגעהויבן ריידן:

און ווער האָט דיר געזאָגט, געהויבענער שליח,
אַז איך וויל אין הימל זיצן?
זיך שטערענען, זיך קרוינען, זיך שיינען און זיך בליצן?
און מיט מזלות לוסטיקן אין מילך־און־דרימל וועגן? —
צי האָסטו ניט אַ גורל אַן אַנדערן פאַרמיינעטוועגן?

דער מלאך האָט געזוכט אין אַלטן זעקל,
אים אויסגעשאָקלט ביז אַ פּעדימל, אַ ברעקל,
אַ טרייסל געטאָן אַלע פאָלעס,
דערנאָך האָט ער געזאָגט: קיין נייס ניטאָ,
דו מוזסט זיך שטערענען, ווי אַנדערע מזלות.

דער יונגער מזל האָט געמורמלט זיין ערשט געבעט,
פון וויי — דעם וויי־געשפּרונג,
פון בראָך — דעם וואָרט־געבראָך:

מיין מלאך,
איך בין געבאָרן פון פייער און יסורים,
און פון נשמות, וואָס ס'האָט דער הימל זיי פאַרראַטן.
ס'איז יעדער פונק אין מיר —
דער גלי פון טרערן,
און אויסגעפורעמט בין איך
אויף אַלע וויי־וואָרשטאַטן.

עס גייט נאָך מיר אַ שוויינגעדיקע עדה,
און עס ציטערן פאַר איר די עדות פון מלאכים,
עס זענען אַלע אייביקייטן און אַלע חוקים
אונטער אירע שטומע טריט צעבראָכן.

שטרעק אויס פאַר מיר דעם לייטער־בריק צום נידער,
די ערד וואָס אונטער אונדז
פון וונדער איז געפאַנגען,
און פונקט ווי איך אין פייער און יסורים
איר ערשטער פונק איז אויפגעגאַנגען.

און יעדער שטיין איז צען מאָל שווער און שטייניק
און פליגלדיקער ווי דיין פליגל־פּאָר,
און יעדער ביסן ברויט פאַרבאַרגט און צוגעשימלט
איז יום־טובדיקער ווי דער חלק שור הבור.

אָט דאָ וועל איך מיין שטערן־נעסט צעצינדן,
צי עס וועט ליכטיקן, צי עס וועט טונקלען אין די תהומען,
כ׳האָב דאָ אַמאָל אַ לייטער אויסגעליכטיקט —
פאַר דיר און פאַרן אייניקל פון אברהמען.

טראָג אָפּ דיין גורל־זאַק אַהין,
ווו דו האָסט אים גענומען,
עס האָבן די, וואָס קענען שוין ניט שרייען,
די וואָס שטומען —
אין וויי־גאַנג אים צעטראָטן.

מיין מלאך,
צי האָסטו ניט אַ וועג פאַר מיר ?
צי האָסטו ניט אַ וועג פאַר איינעם,
וואָס ס׳האָט זיין הימל זיך
צעברעקלט און צעשאָטן ?
מיין מלאך — — —

גאָטס קינדער

כ׳בין געקומען צו דעם מלך שלמה
שוין אַן אַלטע און ניט מער קיין שיינע,
האָט ער נישט געוואָלט מיך אפילו פאַר דער טויזנט־איינסטע,
האָב איך ביי זיין טויער זיך געזעצט מיט די געמיינסטע.

דאָרט דערציילט מען די שיינע, שיינע מעשות,
ווי פון פונקען זענען אויסגעשאָסן שטערן,
און גאָטס קינדער די באָרוועסע און די געטרייסטע
זיצן ליכטיקע און הערן, הערן, הערן.

ווי אַ נאַר דער שופט איז געוואָרן
און האָט זיך אַנגעטאָן אין סאַמעטענע זאַכן,
און גאָטס קינדער די באָרוועסע און די געטרייסטע
זיצן ליכטיקע און לאַכן, לאַכן, לאַכן.

דאָרט דערציילט מען די האַרציק־ליבע וואונדער,
ווי די טויטע שטייען אויף תחית־המתים,
און גאָטס קינדער די באָרוועסע און די געטרייסטע,
ווי צו אויפשטיין וויסן, וויסן, וויסן.

ווי מלאכים האָבן איינגעהילט די פליגל
און באַוויזן זיך צו גוטע, פרומע מענטשן,
און גאָטס קינדער די באָרוועסע און די געטרייסטע
זיצן הערלעכע און בענטשן, בענטשן, בענטשן.

דאָרט דערציילט מען די פייערדיקע נסים,
ווי אין מדבר האָבן אויפגעשלאָגן קוואַלן,
און גאָטס קינדער די באָרוועסע און די געטרייסטע,
זיצן שיכורע און שאַלן, שאַלן, שאַלן.

נאָכן זון־פאַרגאַנג קומט אַרויס דער מלך,
וואָס זיין חכמה איז ניט אָפּצושאַצן.
צווישן גאָטס קינדער זעצט ער זיך דער מלך,
און הערט דעם וואונדער פון זיינע פאַלאַצן.

ווי דער שפּיל־פויגל זינגט און טאַנצט ביי זיין שויב,
און ביים טראָן ברומען גאָלדענע בערן.
קיינמאָל, קיינמאָל האָט ער אַזאַ פּאַלאַץ ניט געזען,
און ער וויינט מיט שווערע און עלנטע טרערן.

תימנער יידן

די זוניק־פֿרומע אויגן
טוען תּפֿילה אַ גאַנצן טאָג.
דאָס לעבן אַליין איז אַ בּרכה —
די נויט,
און דער קלעם.
דאָס לעבן אַליין איז אַ בּרכה —
בּרוך השם.

גאָטס קנעכט איז געווען משה,
און יעדער ייִד איז גאָטס קנעכט,
ער שטייט יעדן טאָג בּיים בּאַרג סיני
ווי אַמאָל,
ווי געווען,
ער שטייט יעדן טאָג בּיים בּאַרג סיני
בּרוך השם.

געקומען אין לאַנד פֿון די אבֿות
איז הייליק דער זאַמד און דער שטיין,
די ערד איז אין גאַנצן געהייליקט,
די ציג
און די לעם.
די ערד איז אין גאַנצן געהייליקט
בּרוך השם.

אַ דאָרף פֿון זון און פֿון ווינט און געצעלטן.
זיצן רבּי און תּלמיד אויף דער ערד.
עס שוועבּט דער ניגון פֿון יצחקס עקדה
מיט דבֿיקות
און בּרען.
עס שוועבּט דער ניגון פֿון יצחקס עקדה
און בּרוך השם.

אונדזער שיף

אַ שיף — אַ מולטער — אין פיינען געגליטע
פירט אַ זכר פון פוילן, אַ רעשטל פון ליטע.
אַ געפּרוווטער דער רודער, קען ברעכן אַ קריעה,
עס לייכט אים פון ווייטן דער באַרג פון מוריה.

אם אין אני לי —
מי לי?
זינגט דער רודער,
אַ ייִד פון קאָוונע
זאָגט אים נאָך.
„איך האָב אַ טרער
אָן איינציקע באַהאַלטן —
חצי לי, וחצי לך".

עס שווימט ווי אין ווינד פון וואַרשע און בערדיטשעוו,
עס וואַרפט דער שוים אַ תליה אויף אַ תליה,
מען גנבעט דעם ים. דאָס ליכט איז אויסגעלאָשן,
עס לויכט פון ווייטן דער באַרג פון מוריה.

אם אין אני לי
מי לי?
זינגט דער רודער,
אַ קינד, אַ יתום
זאָגט אים נאָך
„איך האָב אַ תפילה
אָן איינציקע באַהאַלטן
חצי לי, וחצי לך".

ווי פרעמדע זעלנער, געלערנט אויף רציחה
באַפאַלן כוואַליעס די מולטער, ווי אַ שטאָט.

ס'איז קריג. די שיף איז אויסגעלאָשן,
עס לויכט פון ווייטן איר אַ לעמפּעלע פון עין חרוד.

אם אין אני לי
מי לי?
זינגט דער רודער.
אַ האַרץ אַ מידע
זאָגט אים נאָך.
„איך האָב אַ האָפענונג
און איינציקע באַהאַלטן
חצי לי, וחצי לך".

1952

אַ פּליט

אויף אַ וועג אַ שמאָלן —
שטיינער, גריבער, דערנער,
אַ בחור גייט אַ פּליט,
אַ כּשר קינד, אַ לערנער.

אחת, שתים,
אחת, שתים,
ווייט דער וועג ביז ירושלים.
אחת, שתים,
אחת, שתים,
גרינג דער וועג קיין ירושלים.

אויסגעהונגערט, אָן אַ העמד,
באָרוועס און דערפראָרן,
וויל זיך אָפּרוען דער פּליט,
איז שטיין, און גרוב, און דאָרן.

קומט אַנטקעגן אים משיח
אויף אַן אייזעלע געריטן,
— איך וועל דיר אויסבאָרגן מיין רייטער,
בלייב נישט שטיין אין מיטן.

אחת, שתים,
אחת, שתים,
ווייט דער וועג ביז ירושלים.
אחת, שתים,
אחת, שתים,
גרינג דער וועג קיין ירושלים.

אָן דעם אייזעלע משיח,
צי וועט ער נישט פאַרזאַמען?

עס וואָרט אויף אים אַ פֿאָלק פֿאַרמאַטערט,
אויף אומגליק-וועגן, ימ׳ען.

ער וועט נישט גיין צופֿום, חלילה,
מען דאַרף פֿאַר אים נישט זאָרגן,
ער וועט דעם פֿייערדיקן וואָגן
ביי אליהו באָרגן.

אחת, שתים,
אחת, שתים,
ווייט דער וועג ביז ירושלים.
אחת, שתים,
אחת, שתים,
גרינג דער וועג קיין ירושלים.

וואָס זשע וועט אליהו טאָן
אָן פֿייערדיקן וואָגן?
ער האָט שליחותן אַ סך
ווי וועט ער זיך דערשלאָגן?

ער וועט נישט גיין צופֿום, חלילה,
ער האָט אייניקלעך, די אמתע בחורים,
ער וועט אויסבאָרגן אַ רעדל
ביי אַ חלוץ פֿון בית-אורים.

אחת, שתים,
אחת, שתים,
ווייט דער וועג ביז ירושלים.
אחת, שתים,
אחת, שתים,
גרינג דער וועג קיין ירושלים.

וואָס זשע וועט דער חלוץ טאָן
מיט נאַקעטע ידים?

ווי וועט ער קענען ברויט און תורה
קיין תל־אביב דערשטאַיען?

ער וועט נישט גיין צופוס, חלילה,
ער וועט זיך אַן עצה טאָן בערך.
ער ווייס די גענג פון ארץ־ישראל,
ער שפּאַנט קפיצת הדרך.

אחת, שתים,
אחת, שתים,
ווייט דער וועג ביז ירושלים.
אחת, שתים,
אחת, שתים,
גרינג דער וועג קיין ירושלים.

1950

אינהאלט

אויף מיין דאָרן בליט אַ רויז

אויף מיין דאָרן בליט אַ רויז — 5
די בלומען פון גן־עדן — 7
אַ רגע רו וויל איך — 8
אויף אַן אינדזל — 10
מיין גאָט איז גוט צו מיר — 11
די זון פון באַנאַכטן — 12
תפילה — 14
אַן ווערטער — 15
נעם די רויזן און די דערנער — 16
אין וואַלד — 19
כ׳וועל ליגן אַ ווײַלע און רוען — 20
תפילות צו אַ פרילינג־בוים — 21
געבענטשטער מאָרגנשטערן — 23
ליכט — 24
שטילע טריט — 25
מיר׳ן גיין איבער יידישע הייזער, מיין פידל — 26
אַזוי טראַכט איך מיך שבת צו נאַכט — 28
דאָס ליד פון דיאַגענוס — 30
מיר זענען איצט שוין ווי צוויי גרויע טויבן — 32
פאַרנאַכט, כ׳גיי דיך באַגעגענען — 33
ווייסע נאַכט — 34
מיין שיף פון פימסנהאָלץ — 36

דער שטיינהאַקער פון ראשון (פּאָעמע)

א. ברוכל דער עילוי — 37
ב. פרייטיק אויף דער נאַכט — 41
ג. אַ בריוו — 49
ד. מיר זעען פון דוד המלך דעם טורעם — 55
ה. דער רבי ר׳ בנימין — 59
ו. אַ רעגן — 64
ז. אין פיבער — 70
ח. אין יוגנטלעכן ברען — 76
ט. דער באַראָן — 79
י. מחותנים — 83
יא. ביידע צו דער זעלבער שיף געקומען — 89

אייזערנער חלום

און וואָס וועט זיין — 97
אייזערנער חלום — 99

אַ רעגן גייט — 100
אויף אַ שערבל — 101
אַליין — 102
מיר פאַרבלאָנדזשעטע... — 104
דאָס געזאַנג פון שבת — 105
ס׳איז נאַכט — 106
מיין שפּראַך — 107
איך דערדרויכער מיין סיגאַרעט — 108
איך בין נישטאָ דאָ מער — 109
די נאַכט גיט אַ רוף — 110
דער טאָג צום אָוונט קומט — 111
דער הימל ווערט נענטער צו מיר — 112
איך בייט יעדן טאָג מיינע קליידער — 112
איך זינג אַ ליו־ליו — 113
איך וויל זיך דערמאָנען — 114
כל זמן — 115
מדבר יוטאָ — 116
פון תהום די מגילה — 117
אַ געפאַנגענע — 118
צו זיך אַליין — 119
ביים ווינקל פון דער וועלט — 120
מיין מיטן־נאַכט — 121
פאַרטאָג — 122
און אפשר נאָך שפּעטער... — 122
דער ווינט איז אַלט געוואָרן — 123
צווישן טאָג און נאַכט — 124
עס וואַנדערט דער טאָג — 125
איך האָב אויסגעטראַכט די רו — 126
פון מידקייט כ׳וואַרף אַראָפּ די שיך און זאָקן — 127
בעטלער — 128
מבול — 129
שולמית — 130
אויף דער פאַפּירענער בריק — 131
איינמאָל — 133
ווידויים — 134
צום מלך שלמה קומט די הערלעכע שולמית — 135
דאָס ליד פון דרום־ים — 136
ס׳איז גוט — 137
דאָס ליד לולאַי — 138
מיינע שטעק־שיך — 139

צינד אָן דיין ליכט

צינד אָן דיין ליכט — 143
דאַכטונג — 145
דאָס ליכט פון דיין טיש — 147

מדבר־קלאָג — 149
אַ שמועס מיט זיך — 151
עס איז אַ וווּנדער אויב מען זעט עס ניט — 152
כ׳דערגיי מיין שמאָלע גאַס צום ענד — 153
אין די בערג — 154
ליבשאַפט — 155
מיין שטוב אַן אכסניה — 156
געזען ערשט־אַ נעכטן... — 157
איך בין אַ ווידערקול — 158
נישט פרילינג, נישט האַרבסט... — 159
דער ערער — 160
אַ רגע — 161
בלעטלעך — 162
משה און אהרן — 163
רבי יוסף הכהן פאַרענדיקט דעם „עמק הבכא״ — 166
יונה — 168
באַהאַלט מיך אין אַ בלאַט — 169
כ׳גיי היין און צוריק פון מיין טאָג צו מיין נאַכט — 170
אונטערגאַנג סתם — 171
טונקלקייט — 172
ניגון פון חצותן — 173
אַ וווּנדער־וואָרט — 174

י ר ו ש ל י ם

ווידערקול פון ירושלים — 177
ערב שבת אין ירושלים — 178
ירושלים — 179
ירושלים — 180
אין ירושלים קומען מלאכים — 182
צו גאַסט ביי שלמה המלך — 183
פון ירושלים (פאַלקס־מאָטיוו) — 184
גדרה — 185
דריי אורחים — 187
אַ קאַפּיטל תהילים — 188
מזמור — 189
תפילה — 190
היינו כחולמים — 191
אין לאַנד ישראל — 194
דער יונגער מזל — 195
גאַטס קינדער — 198
תימנער יידן — 199
אונדזער שיף — 200
אַ פּליט — 202

FULGORES DE LA ZARZA ARDIENTE

(POEMAS)

●

LIGHTS OF THE THORN BUSH

(POEMS)

●

Copyright, 1965
by KADIA MOLODOWSKY
Printed in Argentina

●

Este libro se terminó de imprimir el día 23 de octubre de 1964 en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN S.R.L., Av. Corrientes 1976, Bs. Aires